NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03339

DI FARLOYRENE BAS-MALKE

Bunem Warszawski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בונם ווארשאווסקי

די פאַרלוירענע בת-מלכה

א מעשה

פריי — לויט ר׳ נחמן בראסלאווערס „מעשה מאבידת בת מלך״

ארויסגעגעבן דורך דער
געזעלשאפט „פריינט פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן״.

מעלבורן — 1944

THE LOST PRINCESS

A FAIRY TALE

BY B. WARSZAWSKI

Printed by York Press Pty. Ltd.
198-202 Faraday Street, Carlton,
Melbourne, Australia.

אַדעלאַ'ן —

— מיין געטרייען לעבנס־חבר

אַ מתנה.

הילע. געצייכנט:

א. גורוויטש

מאָנטירט:

אברהם זעגער

הקדמה

מיר גיבן איבער דער יידישער עפנטלעכקייט בוים ווארשאַווסקים פּאָעמע „די פאַרלוירענע בת־מלכּה״.

„די פאַרלוירענע בת־מלכּה״ איז אַן איבערדיכטונג פון ר׳ נחמן בראַסלאַווערס „מעשה מאבידת בת־מלך״. די דאָזיקע איבערדיכטונג איז אַ נייער פּרוּוו אין דער יידישער ליטעראַטור צו ברענגען די מערק־ווירדיקע שאַפונגען פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער אין אַ מאָדערנעם לבוש. ר׳ נחמן בראַסלאַווער פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדער אָרט אין דער יידישער פאָלקס־שאַפונג, און עס איז באמת אַ שאָד, וואָס מ׳האָט אין אונזער ליטעראַטור ביז איצט אַזוי ווייניק אויסגענוצט זיינע ווונדערבאַרע מעשיות. דער פּרוּוו פון ב. ווארשאַווסקי איז כמעט דער ערשטער אויף דעם געביט.

דער מעלבורנער קאָמיטעט פון דער געז. „פריינט פון יידיש־וועלט־לעכן שול־וועזן״, וואָס האָט ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה גע־האָלפן פינאַנסיעל דעם יידישן שול־וועזן אין פוילן און אויך דאָ אויפן אָרט אָנגעפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־אַרבעט, גיט אַרויס דאָס דאָזיקע בוך און איז זיכער, אַז דערמיט ווערט געמאַכט אַן אָנהויב פון ליטעראַרישע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישן קינסטלערישן פאָלקלאָר. דער געביט איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר ליטעראַרישער איבערדיכטונג. די רייכע ירושה פון אַזעלכע אָרי־גינעלע און זאַפטיקע פאָלקס־קינסטלער ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דובנער מגיד א. אַנד. וואַרטן נאָך עד היום אויף זייער ליטעראַ־רישן תיקון.

זאָל ב. ווארשאַווסקים בוך דינען ווי אַן אָנרעגונג פאַר אַנדערע שריפטשטעלער מער צו שעפּן פון די טיפע קוואַלן פון אונזערע פאָלקס־דיכטער.

דער קאָמיטעט פון דער געז. „פריינט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן״.

די פאַרלוירענע בת-מלכה

קאַפּיטל איינס

ווען דער ערשטער טאָג פון פרילינג,
נאָך דער לאַנגער רעגן־צייט,
איבער פעלדער, איבער הויכן
האָט זיך זוניק אויסגעשפּרייט,

איז דער אַלטער מלך סאַגיוו
פרי אַרויס אויף זיין שפּאַציר
און געלאָזט זיין טאָכטער וויסן
אַז ער וואַרט ביים קוואַל אויף איר.

פון דער טיפעניש פון גאָרטן
הילכט אַ העל געלעכטער אָפּ;
צווישן צווייג־געפלעכט צעשמייכלט,
זיך באַווייזט אַ מיידל־קאָפּ.

טוט דאָס מיידל, האַלב שוין יונגפרוי,
פלינק צום מלך צו אַ שפּרונג,
שטייט געוויקסיק נעבן פאָטער
דראָט אים טראַציק, מיט אַ ווונק —

ס'ווייסט שוין סאגיווס בת־יחידה,
וואָס דער פּאָטער אירער מיינט:
זאָל זי איר פאַרלאַנג אים זאָגן —
איר געבירטסטאָג איז דאָך היינט.

איינגעשטעלט האָט זיך אַ מנהג,
זי געדענקט אים שוין פון לאַנג,
יעדן ערשטן טאָג פון פרילינג
גיט דער פּאָטער אַ געשאַנק.

קלערט זי וואָס דעם פּאָטער זאָגן,
וואָסערע געשאַנק זי וויל;
רייסט זי אין איר טראַכטונג איבער
ס'קול פון פּאָטער האַרציק, שטיל:

„אסמא, כ'האָב דיך היינט גערופן
„נישט צו הערן דיין באַגער,
„ווייל צו קינדישע מתנות
„ביסטו שוין קיין קינד נישט מער.

„זעסט דאָס בערגל נעבן טייכל
„און אַרום פון גרינס אַ צוים?
„ס'רוט דיין מוטער דאָ אין פרידן,
„איר מצבה איז דער בוים.

„כ'האָב פאַרפלאַנצט אים אויף איר קבר,
„איצטער וואַקסט ער שלאַנק און הויך;
„גלייך מיט אים ביסטו געוואַקסן —
„זעכצן פרילינגס ציילסטו אויך.

„ביסט שוין, ליבע טאָכטער מיינע,
„רייף געוואָרן, צייטיק שוין;
„צייט אַ מאַן פאַר דיר צו זוכן
„און אַ יורש פאַר מיין קרוין.

„איך בין אַלט שוין, זאָט אין יאָרן,
„כ'בלייב נישט לאַנג אויף אונזער ערד —
„וויל איך פאַר מיין טויט נאָך וויסן
„וועמען ס'איז מיין קרוין באַשערט.

„כ'שיק פאַנאַנדער טויזנט שליחים,
„יעדן אויף אַן אַנדער וועג —
„און די זין פון קרוין און יחוס
„רוף איך דאָ נאָך דרייסיק טעג.

„גרייט זיך, טאָכטער, וועסט בקרוב
„אויסדערוויילן זיך אַ מאַן;
„דער, וואָס וועט דיר ווילגעפעלן,
„קריגט מיין מלכות פאַר נדן."

אַסמאַ לאָזט אַראָפּ די אויגן,
קוקט ווי ס'וואַסער לויפט געשווינד;
מיינט דער פאָטער, אַז זי שעמט זיך
מעשה־מיידל, מעשה־קינד.

און דער אַלטער, גוטער מלך
וואַרפט אויף איר אַ מילדן בליק,
גייט זיך לאַנגזאַם אָפּ צום פּאַלאַץ —
זאָל זי חלומען פון גליק.

אָבער אסמא איז נישט גליקלעך,
ווייל איר גליק איז שוין צעשטערט;
און זי שטייט באַטריבט ביים טייכל,
שטייט פאַראומערט, קלערט און קלערט,

קלערט פון ליבן, צאַרטן ראַשיד,
פונם גערטנערס יונגסטן זון,
און פון מלכ׳ס לעצטע ווערטער —
ווי זיי האָבן וויי געטון!

טיף פאַרזונקען אין געדאַנקען
טיף פאַרטרויערט הערט זי ניט,
ווי זיך עמיצער פאַרטייעט,
גענטערט זיך מיט שטילע טריט;

ביז זי הערט איר נאָמען רופן,
שטיל, אין פריאיקן ארום;
אסמא צאַפּלט אויף דערשראָקן
בלייבט א ווייל פאַרגליווערט, שטום —

— „ראַשיד!״ — רייסט זיך איר פון הארצן
אָן א קול ארויס א רוף;
פאַלט מיט שלוכצן אויף זיין אַקסל,
ציטערט מיט איר גאַנצן גוף.

ראַשיד, מאַבטלאָז ווי א שאָטן
פאַלן לאָזט די צווייגן־שער;
איבער זיין צעווייטיקט פּנים
קייקלט זיך אַראָפּ א טרער.

„ס'האָבן זיך דעם מלכ'ס ווערטער
„שניידיק אין מיר איינגעקריצט;
„אסמא, אסמא — צי צעשיידן
„מוזןביידע מיר זיך איצט?"

„ראשיד הארצעדיקער מיינער,
„כ'בלייב מיט דיר אין פרייד און נויט;
„קיינער וועט אונז נישט צעשיידן,
„שיידן קאָן אונז נאָר דער טויט."

„אסמא מיינע, ליבע מיינע,
„איידל ביסטו יונג און צאַרט;
„קאָנסט דען ווידערשטיין דיין פאָטער?
„הערשערס וואָרט איז שטרענג און האַרט."

„ווידערשטיין וועל איך דעם הארטסטן,
„יעדע שטערונג קום איך ביי;
„כ'שווער דיר ביי מיין מאַמעס קבר —
„ס'גאַנצע לעבן זיין דיר טריי."

נאָך אַן אָפּשייד־בליק אַ לאַנגן
אסמא גייט אַוועק פאַרטראַכט,
בלאָנדזשעט, בלאָנדזשעט אינם גאָרטן
ביז עס פאַלט צו שטיל די נאַכט.

ראשיד בלייבט פאַרשטיינערט זיצן
נעבן טייכל; זיצט און טרוימט
ביז די זון די ביימער־שפּיצן
אין פאַרגיין האָט רויט באַזוימט.

קאַפּיטל צוויי

„פריד און גליק צו אַלע פעלקער
„פונם גאַנצן מאָרגנלאַנד
„ווינטשט מיט חסד מלך סאַגיוו,
„מאַכט זיי אַלעמען באַקאַנט:

„אסמא, מלך סאַגיווס טאָכטער,
„לייבטן זאָל איר מזל קלאָר,
„איז דערוואַקסן שוין צו רייפקייט —
„אַלט געוואָרן זעכצן יאָר.

„ס׳איז מיין בת־יחידה אסמאַ
„צום פאַרקנסן ראוי שוין;
„איך — דער גרעסטער פון מלכים,
„זוך אַ יורש פאַר מיין קרוין.

„זין פון הערשער, גאָנטע, וויטע,
„גרייטן זאָלן זיך אין וועג —
„זאָלן אין מיין הויפּט־שטאָט סאַלעם
„מעלדן זיך נאָך דרייסיק טעג.

„וועמען אסמא וועט דערוויילן
„זיך צו נעמען פאַר אַ מאַן,
„דער באַקומט פון מלך סאַגיוו
„קרוין און צעפּער פאַר נדן.״

טויזנט לייפערס גוט־געאיבטע
קומען, נויגנדיק זיך טיף,
און דעם מלכ'ס ערשטער שרייבער
יעדן גיט א זיגל־בריוו.

יעדער איינער מיט זיין שליחות
פייל־פון־בויגן לויפט אוועק;
טויזנט לייפערס, טויזנט לענדער —
יעדער אין אַן אַנדער וועג.

צו דעם עלטסטן אָרדנונגס־היטער
ווערט געגעבן א געבאָט,
אַז עס זאָל צום גרויסן יום־טוב
ווערן יום־טובדיק די שטאָט.

דורך שטאפּעטן איבער גאַסן
אַלעמען ווערט אָנגעזאָגט :
הייזער צירן מיטן שענסטן
וואָס נאָר איטלעכער פאַרמאָגט!

יעדן טאָג, פון פרי ביז אָוונט,
פּוצט זיך קרוין־שטאָט, מאַכט זיך גרייט;
ס'גייט א רייניקן און וואַשן —
ס'ווערט די גאַנצע שטאָט באַנייט.

מיט די טייערסטע געוועבן
יעדעם הויז ווערט אויסגעצירט;
פון די פענסטער, פון די דעכער
פלאַטערט זיידנס, שימערירט.

גאַסן, גערטנער און געמאַרקן
טובלען זיך אין פאַרבן־ים;
ס'גלאַנצט בראָקאַט פון הויכע מאַסטן
מיט אַ רעגנבויגן־פלאַם.

אויף די וועגן צו דער הויפּט־שטאָט
ציען מענטשן מחנותווייז
פון די ווייטסטע אומות, שבטים.
ס'ציט זיי מלכותדיקע שפּייז —

ס'האָט געלאָזט דער מלך וויסן
איבער דערפער, איבער שטעט:
ווער צום יום־טוב ס'קומט קיין סאַלעם
קריגט פון כל־טוב צו דער זעט.

טישן שטייען לענגאויס וועגן;
איטלעכער, וואָס האָט נאָר לוסט,
קען זיך גינען עסן, טרינקען,
וואָס און וויפיל אים פאַרגלוסט.

אויף די וועגן צו דער הויפּט־שטאָט
יאָגן רייטער שטאָלץ און פלינק;
ווייס־באַשטויבטע פערד מיט אומפּעט
טראָגן זיי, ווי אָדלער גרינג.

גאָלד־געפלעכט פון זאָטל־טראָלדן
שפּרינגט אין לויף אָפּ פון דער ערד;
הינטער רייטערס זיידן הילע
פורעמט אויסבויג זיך פון שווערד.

יעדער איינער פון די רייטער
איז א קעניגלעכער גאַסט,
איידלשטיינער שימערירן
אין זיין ברוסט־שאַרף איינגעפאַסט.

רייט א גאַסט דורך ערן־טויער
גריסט טראָמפּייט אים און געפּויק;
פרייד צעגיסט זיך אויף זיין פּנים
און מיט האָפנונג שטראַלט זיין אויג.

פול בטחון אין נצחון
יעדער רייט צו זיין געצעלט,
וו באַהעלט, באַפּאַנצערט פינקלען
ערן־וואָבן אויסגעשטעלט.

הימנען שפּילט מען אויף די טורעמס,
ווייט זייער עכאָ זיך צעשאַלט;
ווערט דער עולם מיטגעריסן,
טאַנצט און יובלט יונג און אַלט.

קאַפּיטל דריי

אין דער ברויזנדיקער שמחה
זענען טרויעריק הערצער צוויי,
וואָס אַ טאָג עס גייט אַריבער,
אַלץ באַטריבטער ווערן זיי.

ראשיד שפּאַנט פּאַרמרה־שחורהט,
האָט קיין רו נישט אויף קיין אָרט:
צי וועט קענען צאַרטע אסמא
האַלטן פעסט זיך ביי איר וואָרט?

אסמאַ זיצט אַ בלייכע, שטילע
און עס נאָגט איר דער געדאַנק:
ווידערשפּעניק זיין דעם פאָטער,
טון אַנטקעגן זיין פאַרלאַנג?!

פונם זאָרגן, פונם קלערן
ווערט אַלץ בלייכער איר געזיכט;
אַלטע הויפלייט רונצלען שטערנס,
אָבער שווייגן — זייער פליכט.

ווען ס'דערגייט צום אַלטן מלך,
וואָס מען שמועסט ביי אים אין הויף,
טוט ער אין דער באָרד אַ שמייכל
און ער ענטפערט קלוג דערויף:

—„ריין איז אסמא ווי קוואל־וואסער,
„ווער האָט ווערטער פאַר איר לויב?
„טרויער פאַסט זיך צו איר אומשולד,
„ווי דער מאָרגנטוי — דער טרויב."

שאָקלען מיט די קעפּ די הויפלייט:
—„רעכט זאָגט אונזער האַר אזוי;
„אסמאס אומשולד קליידט דער טרויער,
„ווי דער טרויב — דער מאָרגנטוי".

און די צייט טוט איר מלאכה —
לייגט צו רגעם צו דער וואָג;
אומגעדולדיק וואַרטן אלע
אויפן גרויסן יום־טוב־טאָג.

— מאָרגן! — טומלען מענגעם מענטשן
אויף דער גאַס צעגויפגעפרעסט;
„מאָרגן — מאָרגן" — שעפּטשען אנגסטיק
אין געצעלטן הויבע געסט.

גייט דערווייל די זון זיך אונטער,
בין־השמשות פאַלט שטיל צו;
איבער אסמאס מיידל־צימער
הענגט אַ סודותפולע רו.

רוקט זיך לאַנגזאַם אָפּ דער שווערער
סאַמעט־פוירהאַנג פון דער טיר — —
אסמא הערט נישט, ווי דער פאָטער
גייט פאַמעלעך צו צו איר.

נעמט זי זאנפט אַן פּאַרן אָרעם,
טוט איר קוים באַריִרט א גלעט:
—„אסמא, ליבע טאָכטער מיינע,
„זאָג, וואָס וואכסטו אזוי שפּעט?

„וואָס איז טריב אזוי דיין אויסזען
„און דערשלאָגן דיין געמיט?
„ווערסט דאָך בלייך פון צופיל קלערן
„און דאָס וואָכן מאַכט דיך מיד.

„ווייט פאַרטרייב דעם בייזן אומעט,
„איצט איז נישט קיין צייט דערפאַר;
„פון דיין קלערן, פון דיין זאָרגן
„האָט דיין מוטער דאָרטן צער.

„באָד פון שמעקעדיקסטע איילן
„שטייט פאַר דיר שוין צוגעגרייט
„און מיט עלטסטע קרוין־יוּוועלן
„העפט מען אויס דיין חופּה־קלייד.

„זיִן פון הערשער, יונגע לייבן,
„פון מרחקים, פון דער פרעמד,
„טראַכטן איצט פון דיר מיט בענקשאַפט,
„פון דערוואַרטונג ס'האַרץ פאַרקלעמט.

„מאָרגן בוקן זיך דיר אַלע,
„קושן פון דיין קלייד דעם זוים;
„קריגן דיינס א האָלדן שמייכל
„איז פאַר יעדערן אַ טרוים.

„לייטער אויס דיין ליכטיק פנים,
„פיל דיר אַן דיין הארץ מיט פרייד;
„מאָרגן איז דיין גרויסער יום־טוב,
„צו דיין יום־טוב מאַך זיך גרייט.״

און עס גייט אַוועק דער מלך
רואיק, זיכער, טיף באַגליקט.
פלוצלונג: — „פּאַטער!״ — ווי אַ הילפרוף
פאַלט אין טונקל האַלב־פאַרשטיקט.

איינגעהילט אין שקיעה־שאָטנס
בלייבט דער מלך שטיין אַ ווייל;
פליסטערט ציטערדיק, דערשראָקן:
—„קינד, וואָס קוועלט דיך? זאָג, דערצייל!״

—„כ׳האָב זיך נישט נאָך וואָס צו גרייטן,
„כ׳קען נישט טון וואָס דו פאַרלאַנגסט.״
—„זאָל אַ שלאָפקייט דאָס באַטייטן?״
פרעגט דער מלך פול מיט אנגסט.

—„זאָלסט נישט צירנען אויף דיין טאַכטער,
„כ׳ברויך נישט קיינעם ווילן מער.״
—„אסמא, ס׳איז אַ בייזער חלום;
„ניין, איך גלויב נישט מיין געהער!״

—„נישט קיין חלום, ס׳איז אַן אמת —
„כ׳האָב שוין איינעם אויסדערוויילט״.
— „און פאַרהוילן פון דיין פאָטער?
„אים דערפון קיין וואָרט דערציילט?!״

—„נישט געוואגט האָב איך דערציילן,
„ס'איז פאַר דיר מיין ערשטער סוד."
—„זאָג, ווער איז דאָס דיין דערוויילטער?
„ס'לאַנד, וואָס שטייט צו זיין געבאָט?

—„מיין דערוויילטער הערשט באַשיידן
„איבער צאַרטן בלומען־פאָלק;
„אים האָב איך געשווירן טרייקייט,
„אים געהער איך און איך פאָלג!"

אַסמאַ אָטעמט אָפּ דערלייכטערט,
ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרץ;
ס'קלינגט די שטילקייט; ס'שווייגט דער מלך,
ס'פּנים ווערט פאַרוואָלקנט, שוואַרץ.

ביז עס ברעכט אַרויס דער צאָרן,
הערשער־בלוט צעהיצט זיך, ברויזט;
ס'שפּאַנט מיט פעסטן טריט דער מלך,
ביילט זיין האַנט אין האַרטער פויסט:

„איך צעברעך דיין טרייקייט־שבועה,
„וואָס האָסט שווערן נישט געטאָרט;
„נעמען וועט דיך דער ניט־גוטער
„אויב פאַרעקשנט בלייבסט ביים וואָרט.

„מאָרגן מוז געשען מיין ווילן,
„גרייט זיין, טאָכטער, נישט פאַרפעל.
„מיין פאַרלאַנג איז האַרטער פעלזן,
„איך געוועלטיק און באַפעל!"

שטאָלץ דערוויטערט זיך דער מלך,
ווי פאַרוונגערט פון זיין כעס.
אסמאַ בלייבט פאַרגליווערט זיצן,
ווי אַ שטיינבילד שטום און בלאַס.

———————————

. . . קומט אַ בייזער ווינט מיט וואָיען,
שליידערט אום די ווענט צערייצט,
און דער חלל ווערט מיט שאָטנס
גרוי־געשפּענסטיקע פאַרפּלייצט.

פון די שאָטנס זיך געשטאַלטן
מענטשן־קראָען, מענטשן־קעץ;
קריכן, קריכן און פאַרוועבן
אסמאַן אין אַ נעפּל־נעץ.

אינגם וויסטן תוהו־בוהו
ווירבלט, ווירבלט זיך אַ קנויל;
ווי פון אונטער ערד געקומען,
כאָרכלט הייזעריק אַ קול:

„נעמען וועט דיך דער ניט־גוטער — — —
„אַט־אָ איז ער און דאָס טוט ער;
„מיך געמאָנט,
„מיך דערמאָנט,
„פינסטערע שעה,
„אַט בין איך דאָ.
„כ'בין מלך,
„דיך וויל איך — —

„גייסט אין מיין רו,
„גייסט אין מיין רו."

און דער נעפּל שטייגט אין חלל,
הויבט זיך העכער וואָס אַ מאָל;
אַסמאַ שוועבט אין אים פאַרוויקלט
איבער באַרג און איבער טאָל.

מיטאַמאָל שיסט אויס פון נעפּל
אין דער נאַכט אַ שטראַלן־בינט,
גרין באַשימערט פּאַלאַץ־חורבה,
לייכט אַ רגע און — פאַרשווינדט.

ווייזט אַ זקנה זיך אויף חורבה,
קוקט אַ ווײַלע צו דאָס בילד;
טוט אַ פּאַטש אַ האַנט אין צווייטער
און צעקייכט זיך קוויטשיק, ווילד.

קאַפּיטל פיר

גרוי נאָך זענען סאַלעמס גאַסן,
בלייך דער הימל איבער זיי;
ס'צאַנקט אין הויכקייט ווו אַ שטערן,
ס'איז די נאַכט נאָך נישט פאַרביי —

דאָך שוין טומלט זיך אין סאַלעם,
פרי האָט שטאָט היינט אויפגעוואַכט;
מענטשן־ים באַוועגט זיך, כוואַליעט —
אַלץ זיך גרייט צום יום־טוב מאַכט.

ענדלעך, נאָכן לאַנגן וואַרטן,
קומט דער לאַנג־געגאַרטער טאָג;
פונם העכסטן סאַלעמס טורעם
זאָגט עס אָן דער העכסטער גלאָק.

ס'זאָגט עס אָן דער זונענאויפגאַנג,
וואָס פאַרפלייצט אַלץ מיט זיין ליכט,
ברענגט אַ מילדקייט אין די הערצער,
פרייד — אויף איטלעכנס געזיכט.

לויטער איז די הימל־בלויקייט,
קלאָר, דורכזיכטיק איז די לופט;
צום פאַרשיכורן אַ ווינטל
ברענגט אַ צאַרטן מירטן־דופט.

פרישער, פרילינגדיקער מאָרגן
טובלט זיך אין פארבן־באָד;
הייטערע מוזיק־קאפעליעס
שאלן איבער גאנצער שטאָט.

דורך די אויסגעפוצטע גאסן
ציט זיך, ציט א מענטשן־קייט
אָן א סוף און אָן אָן אָנהויב —
ווער צופוס און ווער עס רייט.

ווייט, ווי ס'אויג נאָר קען דערגרייכן,
שלענגלט זיך די לאנגע ריי —
צונעם קעניגלעכן פאלאץ
אָפן שטייט דער וועג און פריי.

אויפגעפראלטע טויערן פירן
אינם פאלאץ־הויף אריין;
ס'גלאנצט מיט זונליכט העל באגאָסן
פאלאץ־טרעפ פון ראָזן שטיין.

צו דעם קעניגלעכן פאלאץ
ציען, ציען נאָכאנאנד
קאראוואנען פול מיט אוצרות
פונם גאנצן מאָרגנלאנד.

אייזלען, קעמלען, העלעפאנטן
שווער באלאָדנט ביז צו דר'ערד;
יעדן צוג באגלייטן רייטער
ווייס־געהילט אויף שווארצע פערד.

זין פון ווייטע רייכע הערשער — —
יעדער שיקט א קאַראַוואַן
צו באַווייזן דאָס עשירות,
וואָס ביי אים אין לאַנד פאַראַן.

און דער טאָג ווערט הייסער, הייסער,
זון צעגליטע שטראַלן שיט;
שטייגט צעפלאַקערט העכער, העכער,
שטייט שוין באַלד אין הימל מיט — —

וואַרטן מחנות אין די גאַסן
און אין פּאַלאַץ־הויף די געסט
אויפן מלך מיט בת־מלכה,
אויפן אָנהייב פונם פעסט — —

גנבעט אומרו זיך אין הערצער,
ס'קוקט צום פּאַלאַץ יונג און אַלט — —
קיינער קומט נישט. — בלויז די לייב־וואַך
שטייט פאַרפּאַנצערט, זון־באַשטראַלט.

נויגט די זון שוין אָפּ צו מערב
און מען ווערט פון וואַרטן מיד;
שעפּטשעט איינער שטיל צום צווייטן:
צי אַן אומגליק, גאָט באַהיט?

צי איז עמעץ שלאָף געוואָרן
און דער יום־טוב וועט נישט זיין?
קלערט דער עולם, קלערט דער עולם —
קיינער קען דאָס נישט פאַרשטיין.

מיטאמאָל פארשטומט ס׳געמורמל,
אָפּגעשטעלט מיט כישוף־האַנט:
יעדער ווענדט זיין בליק צום טראָנזאַל,
הינטער פורפורנעם געוואַנט.

נעמט געוואַגט זיך ברייט פאַנאַנדער,
וואַך רוקט אָפּ זיך אָן א זייט,
לאָזט אדורך דעם מלך סאַגיוו
פון יועצים צוויי באַגלייט.

אינם זאַל פון ווייסן מארמאר
שטייט דער טראָן פאריתומט, פוסט;
אונטער שווערער לאַסט געבויגן
זינקט דעם מלכס קאָפּ אויף ברוסט.

טראַכט מען: וואָס איז דאָ פארלאָפן?
אסמא, ווו איז אסמא דאָ?
האָט דען עפּעס שלעכטס געטראָפן,
נישט באַשעהען זאָל די שעה?!

גייט דער מלך עפּעס זאָגן —
יעדער האַלט דעם אָטעם איין.
איינגעבראָכן איז זיין שטימע,
דורכגענומען מיט געוויין:

„ווארפט אראָפּ די יום-טוב־קליידער
„און די קעפּ מיט אַש באַדעקט;
„כ׳האָב אליין מיט ווייסטער קללה
„בייזע גייסטער אויפגעוועקט.

„איז געקומען די פארגעלטונג,
„ווי עס האָט פארדינט מיין זינד:
„כ'האָב אין כעס דערמאָנט ניט־גוטן —
„האָט ער צוגערויבט מיין קינד.

„בייזע שעה האָט אירם געטון
„נעכטן אין דער שווארצער נאכט;
„אסמא איצטער איז געפאנגען
„אין ניט־גוטנס בייזער מאכט.

„אסמאן ווער עס וועט באפרייען,
„דעם איז צוגעגרייט זיין לוין:
„קריגט פאר ווייב מיין בת־יחידה
„און פון מאָרגנלאנד די קרוין."

אָנגעלענט אָן די יועצים
גייט דער מלך אָפּ פארקלעמט
און דער עולם בלייבט אָן לשון —
יעדער איינער, ווי געלעמט.

קאַפּיטל פינף

סאַלעם שלאָפט אין צער פאַרזונקען,
גאַסן ציען זיך פאַרטראַכט;
איינגעהילט אין בלאַסער שטילקייט,
איבער סאַלעם רוט די נאַכט.

פון דער ווייטקייט קומט אַ טופּען,
ס'הילכט אַ ריטמישער גאַלאָפּ;
ס'רייט אַ גרוי־געהילטער רייטער
הינטער שטאָט צום טאָל אַראָפּ.

רייט אריין אין פּאַלאַץ־חורבה,
וווּ מאַנג *) הויפנס בראָנז און שטיין
אָפּגעהאַקטע ווינקל־זיילן
פינקלען אין לבנה־שיין.

שטייט אַ ווייל פאַרקלערט דער רייטער,
קוקט — און שפּרינגט אַראָפּ אויף דר'ערד
און צו איינעם פון די זיילן
בינדט ער צו דאָס שווארצע פערד.

קומט אַ שאָרך פון אונטער חורבה,
ווערט אין שטילקייט איינגעזאַפּט;
האָרכט זיך, האָרכט זיך איין דער רייטער,
ליינט צו ס'אויער, דריי מאָל קלאַפּט — — — —

---

*) מאַנג — צווישן (פּראָווינציאַליזם).

הויבט דער שטיין אליין זיך אונטער,
עפנט אויף א שפּעלטל שמאָל,
קומט פון דאָרט א שמאַראַגד־שימער
און א שפּיציק פייגל־קול:

— ווער עס האָט מיין רו געשטערט מיר,
גוטער, אָדער בייזער גייסט,
נישט פאַרמיידן זאָל מיר זאָגן
אין זיין מחנה ווי ער הייסט!

ס׳קוקט פון שפּאַלט אַרויס א פּנים
איינגעשרומפּען און פאַרדאַרט,
באָלד באַווייזט זיך א זקנה,
אויף א שטעקן אָנגעשפּאַרט.

— ראַשיד בין איך, מלכּס גערטנער,
גאָך דיין הילף צו דיר איך איל.
— שוין ס׳איז קלאָר מיר דיין כּוונה,
קום מיט מיר אַראָפּ אין הייל.

שאַרפּער צוויטשער לאָזט זיך הערן:
— פאַר א פרייַנד א דורכגאַנג מאַכט!
ווערט פון שפּעלטל ברייטער דורכגאַנג,
לאָזט אַדורך און זיך פאַרמאַכט.

ראַשיד בלייבט א ווייל פאַרבלענדעט:
נישט צו הייל זיי פירט דער שפּאַלט;
הויך־געוועלבטע זאַלן־גראָטע
אונטער חורבה זיך באַהאַלט.

יינגער ווערט דער אַלטערס פּנים,
קאָפּ — שוואַרצלאַקיק, אויג — צעשטראַלט,
זים און לאַקנדיק די שטימע,
שלאַנק און בויגיק — איר געשטאַלט.

טונקל איז אין גאַנצן הלל,
דאָך האָט יעדע זאַך איר שיין:
אַלעס איז מיט ליכט באַצויגן,
שטראַלט און לייכט פון זיך אַליין.

ס'הוידן זיך אויף זילבער־שטראַלן
שרצים, פייגל בלערליי;
איבער זיי, אויף גילדן שטענגל,
הענגט אַ רויטער פּאַפּוגיי.

ס'פינקלט אַזיערע אינמיטן
מיט אַ שוואַרץ־פּאַלירטן גלאַנץ,
לויכטנדיקע פיש אין טיפקייט
שווימען אין אַ פּאַקל־טאַנץ.

איבער אַזיערע אַ דרייפוס
הענגט אויף גאָרנישט בלוי־צעגליט;
אויפן דרייפוס זשומט און צישעט
בלעך פון קופּער, קאָכט און זידט.

בלויע פייערצינגלעך לעקן
קרייטעכצער צעשפּרייט אויף בלעך
און אַ זייל פון רויך זיך שלענגלט,
שפּרייט אַ ריח אויס פון פּעך.

קומט אַן אַפּל אָן צושפּרינגען,
גיט אַ טאַנץ אַהער, אַהין,
טוט אַ מיש אין בלויען פייער,
וואַרפט אַריין אַ טויטע שפּין — —

ווערט פון רויך געדיכטער נעפּל;
נעפּל אַלץ פאַרהילט, פאַרדעקט.
— ראַשיד! — רופט פון־ווו אַ שטימע —
„אַסמאַ ווערט דיר באַלד אַנטפּלעקט!״

און דער נעפּל נעמט זיך שפּאַלטן,
טיילט פון זיך אַ פּנים אויס —
— „ראַשיד מיינער, כ׳בין געפאַנגען,
„ס׳איז נאָך דיר מיין בענקשאַפט גרויס.״

ראַשיד שפּירט אַ ריר אין שטערן
פון אַ שאַרפן פינגער־שפּיץ:
— הער מיך! — קלינגט אין ראַשידס אויער
און די זעאונג שווינדט ווי אַ בליץ.

„דורכן ווייַרעך־נעפּל אַסמאַ
„האָט געשיקט דיר היינט איר גרוס;
„פון ניט־גוטנס מאַכט באַפרייען —
„דאָס ליגט נישט אין מיין רשות.

„כ׳זע דיין האַרץ אין ברוסט דאָס ריינע,
„וויליק כ׳בין צו העלפן דיר;
„פיל מכשולים שטייען־פאַר דיר,
„דאָך די האָפנונג נישט פאַרליר;

„ס׳וואַרט אויף דיר אַ וועג אַ ווייטער,
„פירן לאָז דיך פונם ווינט;
„ער וועט דיך צום אָרט הערפירן,
„וווּ זיך אסמא איצט געפינט.

„נון, מוזט איצט מיין גבול פאַרלאָזן;
„הערסט? שוין קרייט דער געלער האָן!
„גיי! און נאַדיר מיט מיין קמיע — —
„צווייטער משמור קומט שוין אָן!"

קומט אַ ווייסע טויב צו שוועבן,
פירט אים צו אַן אַנדער שפּאַלט,
פּיקט אָן דריי מאָל, שפּאַלט ווערט ברייטער,
לאָזט אים דורך, פאַרמאַכט זיך באַלד.

ראשיד, ווידער צווישן חורבות,
קוקט אַרום זיך, קוקט פאַרקלערט;
ווינטל וועקט אים פון פאַרטראַכטקייט —
גייט צום זייל צו, בינדט אָפּ ס׳פערד,

גלעט עס ליבלעך, לייכט באַשטייגט עס;
פערד און רייטער — איין געגאָס,
אין דער בלויער נאַכט פאַרשווינדן
מזרח־צו, מיט ווינטן־בלאָז.

קאַפּיטל זעקס

ראָזיקלעך איז ראַנד פון הימל,
טאָג־געבוירן איז נישט ווייט;
ראַשיד לאָזט פון ווינט זיך לענקען,
רייט אָן אָפּהאַלט, רייט און רייט.

פריי דאָס ציימל לאָזט דער רייטער,
ווען עס רייסט און יאָגט דער ווינט;
טריט־גאַנג שפּאַנען פערד מיט רייטער,
ווען עס בלאָזט געלאַסן, לינד.

ווען מיט טאָג־שפּראָץ שטעלט דער ווינט זיך,
האָט זיך ס׳פערד אויך אָפּגעשטעלט —
איצט איז וועג דער ווייטערדיקער
מיט א הויכן באַרג פאַרשטעלט.

אומצוטריטלעך איז דער אָפּהאַנג.
פונם באַרג־קאָפּ, הויך און פלאַך,
בלאַנקט אַראָפּ א שלאָס פון שילדקרעט
מיט א בלויען קרישטאָל־דאַך.

אין דער לופט וויברירט אַן אָפּקלאַנג
פון צעווילדעוועט געבריל — —
זאָל דאָ זיין דאָס אָרט ס׳געזוכטע
און דער היים־געגאַרטער ציל?

ראשיד לייכט באַרירט די קמיע —
טוט אַ ווינט אים, מיט איין בלאָז,
גיך אַ טראָג אַרויף צום באַרג־קאָפּ,
שטעלט אים נעבן שילדקרעט־שלאָס.

צונעם שוואַרצן שלאָס־אַריינגאַנג
פירט אַ לאַנגע זיילן־ריי;
העלפאַנט־ביינערנע ארקאדן
וועלבן הויך זיך איבער זיי.

יעדער זייל אַרומגעוויקלט
איז מיט דיקער ברילן־שלאַנג —
ס׳ציען איין די קעפּ די שלאַנגען,
ראשיד זיכער גייט זיין גאַנג.

פעסט פאַרהעמערט איז דאָס טויער,
דורך דראַקאָנען צוויי באַוואַכט —
ראשיד טוט אַ ריר די קמיע,
ווערט דאָס טויער אויפגעמאַכט.

צו די ווייטערדיקע זאַלן
פירט אַ טרעפּן־לאַבירינט,
פירט דורך וועלבונגען און נישעס —
ראשיד לויפט זיי דורך געשווינד;

יעדער זאַל פון אַנד׳רע מינים
ווילדע חיות ווערט געהיט;
אויגן — גייציק, מיילער — גיריק,
ראשיד גייט מיט דרייסטן ישריט;

גייט פֿאַרויס, גייט אומדערשראָקן,
פֿול מיט זיכערקייט און רו;
גייט נאָך קלאַנג פֿון האַרפֿן־טענער,
וועלכע טראָגן זיך פֿון ווו.

מענטשן־גרויסער פּיכטער מאָלוסק
ליגט ביים הויפּט־זאַל אויפֿן שוועל;
גלאָצט פֿאַרשטאַרט מיט ווייסע אויגן,
בלישטשענדיק מיט גרינער פֿעל.

ראשיד שפּרייזט אים דורכן רוקן,
קומט אין לעצטן זאַל אַריין,
וווּ מיט יענע לייט זיך רויעט,
נישט צום שטיין און נישט צום גיין.

אַלעם היפּט אויף הינער־פֿיסלעך,
דרייט אין ווירבל זיך און שרייט,
גרילצט און מיאַוקעט, וואָיעט, הירזשעט,
מרוטשעט, האַווקעט, כריוקעט, קרייט.

די קלעזמאָרים — ציגנבעקלעך —
מעקן־צו צו דער מוזיק;
אויסגעמישטע אין געווימל
טאַנצן זיי התלהבותדיק.

הינטער זיך פֿאַרלייגט די פֿיסלעך
זיצט דאָס מלכות אויבן־אָן;
שרעטלעך צוויי מיט שפּאַרבער־קעפּלעך
האַלטן ערן־וואַך ביים טראָן.

פון געפילדער און געליארעם
אין צעברויזטן שדים־כאָר,
צארט־פארבענקטע הארפן־טענער
טיילן אויס זיך דייטלעך, קלאָר.

ס'פליסן, ס'גיסן זיך די טענער,
זילבער־גלעקלעך פון דערהויך — —
ראשיר קוקט: אין וויטן חלל,
איינגעהילט אין הייטלעך רויך,

שוועבן קלינגענדיקע הארפעס,
שפילן ווי פון זיך אליין;
יעדע הארפע — קינדריש גופל,
יעדער קלאַנג — א קינדס געוויין:

גוי מיט צוואנגען
אונז געפאנגען
האלטן אלץ נאָך יענע לייט;
דאָך מיר ווארטן
ביז פון הארטן
גלות ווערן מיר באפרייט.

מיטאמאָל ווערט שטיל ס'געפילדער,
אלץ פארבייט זיך אין געהער;
ס'מלכות צייכן גיט מיט דרייצאק *):
— „ברענגטס די מלכה מיר אהער!"

---

*) דרייצאק — בולאווע, פארענדיקט מיט דריי ציין, ווי א גאָפל.

איינגעשפּאַנט אין קאַטש, ווי פערדלעך,
פּאָרן אָן באַלד שרעטלעך אכט, — —
אין אַן אָפענער קאַרעטע
שניי־בלייך אסמא זיצט פאַרשמאַכט.

מעשה־קוטשער זיצט אַ שרעטל,
ציט די לייצעס, ס׳בייטשל קנאַלט;
ס׳פאָרט די קאַטש פאַרביי אַ וואַרע,
געבן מלכות איז זי באַלד — —

אָבער דאָ דערזעט די מלכה,
גראָד ביים אָרט, ווו ראשיד שטייט,
אז פון קלייד די לאַנגע שלעפּע
האָט אין ראָד זיך איינגעדרייט.

— שטיין! — באַפעלט מיט כעס די מלכה,
און דער צוג שטעלט גלייך זיך אָפּ.
מאַיעסטעטיש שטייגט די מלכה
פון קאַרעטע גלייך אראָפּ:

— „דינער! ס׳איז צעקנייטשט מיין שלעפּע!
„כ׳שטייג נישט איין צוקריק אין קאַטש,
„אויב ס׳וועט בלייבן פון מיין שלעפּע
„נישט־געפּלעט איין פעלדל כאַטש!"

אותו־רגע ברענגט אַ שרעטל
אַלץ צום פּלעטן וואָס מען דאַרף;
אסמא זאָגט דערווייל צו ראשיד
אויפן אויער קורץ און שאַרף:

„צוועלף ביינאַכט קום צו צום פֿענסטער,
„וואָס אין טורעם, צפֿון־זייט;
„ווי אַזוי זאָלסט מיך באַפֿרייען
„זאָג איך דעמאָלט דיר באַשייד.”

. . . שוין איז אויסגעפֿלעט די שלעפֿע,
פֿאַרטיק איז די טואַלעט,
העפֿלעך העלפֿט א שרעטל אסמאַן
איינצושטייגן אין קאַרעט — —

ראַשיד זוימט נישט. ווי געקומען,
שלייכט ער שטיל זיך קריק אַרויס;
הו־הא, ווירוואַר, ווילדע קולות — —
אין געדאַנק אים עגבערט בלויז:

„צוועלף ביינאַכט ביים טורעם־פֿענסטער” —
ווען וועט זיין שוין צוועלף אַמאָל?
ראַשיד פֿעסט פֿאַרקוועטשט די קמיע:
ווינט פֿאַרטראָגט אים קריק אין טאָל — —

דאָ איז ער היינט־פֿרי געקומען,
אָט איז אויך דאָס טרייע פֿערד;
ראַשיד גלעט עס פֿול מיט ליבשאַפֿט,
לייגט אַוועק זיך אויף דער ערד,

כאַפּט אויף גראָז א לייכטן דרימל,
פֿונם לאַנגן רייטן מיד;
הערט מטושטש נאָך אין חלל
שדים־כאָר און האַרפֿן־ליד.

קאַפּיטל זיבן

זאַנפט געגלעט פון מילדן ווינטל
ראַשיד מאַכט די אויגן אויף — —
איז דען צייט שוין? — קוקט פאַרחידושט
צו דעם הויכן פעלז אַרויף:

איבער שלאָס און איבער פעלזן
שטיל די נאַכט ליגט אויסגעשפּרייט;
ווי אַ ריזיק־גרויסע חיה
זעט זיך אויס דאָס שלאָס פון ווייט.

און די חיה האָט אויך הערנער:
קאַנטיק־הויכע טורמען צוויי;
איינגעהילט אין שוואַרצן שלייער,
קוים דערקענבאַר זענען זיי.

שוואַרצער שלייער נעמט פאַרבלייכן,
ס'העלט זיך זיין געוועב ביים זוים;
פונם טונקל נעמט זיך שיילן
באַרג־שפּיץ, פעלז און בוים.

דער לבנה־סערפּ, טשעקאַווע,
שטעקט אַרויס אַ זילבער־קאַנט,
טויכט פּאַמעלעך אויף און קלעטערט
העכער איבער הימל־ראַנד.

ביסלעכווייז ווערט אַלץ באַזילבערט
מיט לבנה־זילבער קלאָר;
ס'ווערט אַ שלאָס צוריק די חיה,
אירע הערנער — טורמען גאָר.

און אין טורעם בלינצלט פענסטער,
און אין פענסטער — פרוי־געשטאַלט.
ס'ווייזט אַ האַנט זיך. עפּעס ווייסעס„
פאָכעט פונם פענסטער באַלד.

ראשיד גלייך באַמערקט דעם צייכן,
לויפט צום פענסטער צו געשווינד:
— „אסמא מיינע, לאָמיר ווייכן
„פון דעם בייזן אָרט אצינד!"

— „דאָס איז ליבער, נישט דער אופן;
„פון ניט־גוטנס בייז'ן האַפט
„ווערט מען נישט באַפרייט דורך לויפן,
„נאָר דורך פעסטער ווילנס־קראַפט."

— „האַרטער גראַניט איז מיין ווילן;
„זאָג מיר, וואָס איך האָב צו טאָן,
„צו באַפרייען דיך פון דאַנען
„שטעל איך ס'לעבן איין אין קאָן."

— „ס'איז דער קרבן גאָרנישט נויטיק,
„פשוט איז די זאַך און לייכט:
„זיבן טעג איבּ אויס דיין ווילן,
„און דער ציל וועט זיין דערגרייכט;

„זיבן מײלן װײט פֿון דאַנען
„איז אַ באַרג־שפּאַלט פּירט אַ װעג —
„רײַטסט אַהינצו, טרעפֿסט אַ שטראַמל,
„דאָרט פֿאַרבלײַבסטו זיבן טעג.

„נערן נערסטו זיך מיט באַקסער,
„טרינקען טרינקסט פֿון װאַסער־קװאַל,
„עפּעס אַנדערש עסן, טרינקען
„טאָרסטו נישט פֿאַר קײן שום פֿאַל.

„נאָר דער לעצטער טאָג פֿון זיבן
„װעט אַ פֿאַסט־טאָג זײַן צו דיר;
„עסט נישט, טרינקסט נישט, שלאָפֿסט בײַנאַכט נישט
„רק דו בענקסט און בענקסט נאָך מיר.

„אויב װעסט בײַשטײן דעם נסיון,
„װערט דער כּישוף אָן זײַן כּוח,
„ס'װעלן שטרויכלונגען באַזײַטיקט
„און פֿאַרשװינדן װי אַ רויך;

„װעסטו בײַשטײן דעם נסיון,
„דער ניט־גוטער מיך באַפֿרײַט;
„איצט — אין װעגן אַ שאָד אַ רגע,
„זאָל דיר לײַכט אַדורך די צײַט!"

— „לײַכט ביז גאָר איז דער נסיון,
„שװערערס בײַשטײן כ'װאָלט געקאָנט;
„פֿון דיר טראַכטן, נאָך דיר בענקען
„מאַכט די װײַטקײט בלויז מיר נאָנט."

„נאָך אַ וואָך בין איך דאָ ווידער" —
פּליסטערט ער צום שלאָס אַרויף,
שיקט אַ לעצטן גרוס צום אָפּשייד,
שפּרינגט צום פערד צו, זעצט זיך אויף — — —

און געטראָגן, ווי פון שטורעם,
ראַשיד רייט אַראָפּ אין טאָל;
צו דעם פענסטער, וואָס אין טורעם,
קוקט ער אום זיך נאָכאַמאָל.

קאַפּיטל אַכט

גייט אוועק אַ טאָג, אַ צווייטער
ראַשיד זיצט ביים קוואַל פאַרקלערט;
ס׳וואַסער־ריזלען זאָגט אים: „אסמא,״
טרייער חבר איז אים ס׳פערד.

עסט בלויז באָקסער, טרינקט קוואַל־וואַסער,
וועגן אסמאן טראַכט ער, טראַכט;
זעט בייטאָג זי אין געדאַנקען
און אין חלום זי ביינאַכט.

טעג זיך שלעפּן פויל און שלאַבריק,
קוים צוויי טעג אריבער, דריי;
פערטער, פינפטער טאָג אריבער —
גייט די צייט אזוי פאַרביי;

זענען זעקס שוין טעג פאַרגאַנגען,
היינט נאָך איז פאַרבליבן בלויז.
זון איז נאָר־וואָס אויפגעגאַנגען
און די חמימה איז שוין גרויס.

שטיינער גליען, ס׳ברייט דער אוויר,
ס׳באַקט די היץ אַלץ מער און מער — —
זאָל עס זיין דען מעשה שטן,
ס׳פאַסטן אים צו מאַכן שווער?

מעג דער הימל שפּייען פלאַמען —
ס'איז פאַר ראַשיד בלויז אַ שפּיל!
וועט מיט תענוג איבערטראָגן,
ווען אויך צען מאָל אַזויפיל.

ס'כאַפּט אַרום די וועלט אַ שׂרפה,
לופט איז שטיקנדיק און הייס;
ראַשיד רק ער קלערט פון אַסמאַ —
ס'איז נסיון־טאָג, ער ווייס.

ס'קלעבט די צונג זיך צונעם גומען,
פייער־ווונד אים ברענט אין קעל —
ניין! קיין היץ וועט אים נישט אַרן,
דורשט וועט אים נישט זיין קיין קוועל!

זאָל דאָס קוואַלכל ווינקען, רופן,
בעטן, לאָקן: — טו אַ לעק!
אומדערשיטערט בלייבט זיין ווילן
ביז דער טאָג וועט זיין אַוועק.

שפּור נישטאָ פון מינדסטן ווינטל,
יעדער שטראַל איז פייער־זייל;
ראַשיד הערט נישט אויף צו טראַכטן
וועגן אַסמאַ אויף קיין ווייל.

זעט דעם מלך סאַגיוום גאַרטן,
ווו מיט אַסמאַן ער שפּאַצירט,
ווי ביים ערשטן מאָרגן־שימער
זי צום מלכס פּאַלאַץ פירט....

יענע נעכט די שטילע, קילע,
יענע סודותפולע רו — —
זון פאַמעלעך נעמט זיך זעצן,
ס׳רוקט דער בין־השמשות צו;

פיבערט ראַשיד פול דערוואַרטונג,
אַסמאַ פילט אַן זיין געדאַנק — —
הימל־מערב רויט צעפלאַמט זיך,
ס׳נעגטערט זיך דער זונפאַרגאַנג — — — —

אָטעמט ראַשיד אױף דערלייכטערט:
באַלד איז נאָך די זיבן טעג!
שפּרינגט אויף פערד און כאַפּט פאַר ציימל —
צייט צו לאָזן זיך אין וועג!

מרחק שווינדט אין ריטם פון רייטן,
ווינטל גלעט מיט צאַרטן ווײ,
טראָגט אַ ריח אָן פון פּרוכטן
שמעקעדיקע בלערליי.

פערד זיך טראָגט מיט ווינטן־פליגל,
מיט די פיס קוים ערד באַרירט —
און דער וועג ווערט קירצער, נענטער,
וואָס צום שילדקרעט־שלאָס אים פירט.

מיטאַמאָל אין גרעסטן אימפּעט
פון צעלאָזענעם גאַלאָפּ
עפּעס שמעקעדיקס און ווייכעס
טוט פון וווּ אַ פאַל אַראָפּ

און באשפּריצט אים ס'גאַנצע פּנים
מיט אַ יונגן, שאַרפן ווײַן,
גלײַך עס וואָלט געפּלאַצט אַ לאַגל,
רייטער בלײַבט צעטומלט שטיין:

ס'איז דער וועג מיט פּרוכטן־ביימער
אין זיין גאַנצער לענג באַפּלאַנצט;
שווער באַלאָדנט רײַפע פּרוכטן
יעדער צווייג אין שקיעה גלאַנצט.

רופט און רײַצט מיט זאַטער שפע,
פילט מיט בשמים אָן די לופט.
ראשיד פילט אַ פוילע מאַטקייט....
און, פאַרשיכורט פונם דופט,

שטרעקט ער אויס אַ האַנט אַ מידע,
רײַסט פון בוים אַ פּרי אַפּ,
גלעט מיט איר ס'פאַרפּלאַמטע פּנים
לייגט צום שלייף, צום הייסן קאָפּ,

קילט מיט איר די אויגן־לעדלעך,
מיט איר פרישן טוי זיך קוויקט,
אָטעמט ציטריק איין איר פרישקייט,
צו פאַרשמאַכטע ליפּן דריקט — —

פון דער קילער סאַמעט־ווייכקייט
זיסער שווינדער אים פאַרגייט —
. . . בלויז מיט שפּיץ פון צונג באַרירן,
שוין, אַ ווייל, ער רײַט שוין, רײַט — —

אַבער, אַבער — ערד און הימל!
איז דען מעגלעך ס׳זאָל געשען?!
פון דעם זאַפט דעם שמעקעדיקן,
האָט ער טועם דען געווען?

ניין! זיין ווילנלאָזע שוואַכקייט
וועט ער גובר זיין געוויס!
ראשיד בייסט ביז בלוט די ליפּן,
ס׳פערד טוט האַסטיק זיך אַ ריס — —

אַבער ראשידס מויל זיך עפנט,
אויסגעקרומט פון ליידנשאַפט,
ציין צעבייסן ס׳פּרוכטן־הייטל
און עס טוט אַ שפּריץ דער זאַפט — —

יעדער טראָפּן לאָבט דעם גומען,
לעשט אין מויל אַ פייער־גלוט,
ברענגט אַ חיות אין די גלידער,
קילט אין זיי ס׳צעהיצטע בלוט;

. . . נעפּלהאַפטיק טונקט אויף אסמא . . .
עפּעס עגבערט זיין געדאַנק;
אַבער אַלץ ווערט באַלד פאַרכלינעט
אינם תענוג פון געטראַנק.

גייט אין אים אויף אַ געיאָמער,
עמיץ קלאָגט מיט וויי־געשריי:
— אסמא, אסמא איז פאַרלוירן! —
מעגסט שוין זויפן סיי־ווי־סיי!

גליטשט אראָפּ פון פערד זיך ראַשיד,
מויל אָן תאווה פרוכט נאָך נאָגט:
ס'ווערט דער זונפאַרגאַנג מטושטש — —
האָט דאָ עמיץ וואָס געזאָגט?

יאָ, געזאָגט: נישט בייגעשטאַנען
און סיי־ווי איז אַלץ פאַרשפּילט. —
ס'שפּרייט די נאַכט אויס איר געלענגער
און אין פינסטערנישט זיך הילט.

קאַפּיטל נײַן

...**פ**ון אַ פֿעלז אין בין־השמשות
ראַשיד קוקט צום ים אַראָפּ;
כוואַליעס בושעווען און ברויזן,
איינער איבער צווייטערס קאָפּ

לויפֿט און יאָגט און וויל פֿאַרשלינגען
קליינטשיק שיפֿל, ווו עס זיצט
פֿרוי־געשטאַלט מיט האָר צעפּאַטלט,
נאַס, פֿון כוואַליעס־שוים באַשפּריצט.

פֿון די כוואַליעס טויכט אויף פּלוצלונג,
גלאַנצנדיק אין זונפֿאַרגאַנג,
שפּיגל־פֿעל פֿון וואַסער־חיה,
לוי׳רנדיק אויף רייכן פֿאַנג.

כוואַליע טוט אַ שליידער ס׳שיפֿל
פּיסק פֿון חיה טוט׳ס אַ שטויס —
דרייט זיך איבער מענטש מיט שיפֿל,
זעט מעןביידע נישט אַרויס;

לאָזן ים־הינט זיך, רעקינען —
זייער איז דער קרבן באַלד — —
ראַשיד האַסטיק שפּרינגט אין וואַסער,
וואַסער-בערג מיט אָרעמס שפּאַלט,

כאַפּט די יונגפרוי אויפן רוקן,
שווימט מיט איר צוריק צום ברעג;
צווישן הויפנס וואַסער־ריזן
שניידט ער זיך אַדורך אַ וועג,

יאָגט פון זיך די בייזע חיות,
וועלכע שווימען ביי זיין זייט,
רודערט גיך און אומדערשראָקן — —
ביז צום ברעג־צו איז נאָך ווייט.

ווען צום ברעג ער זיך דערנענטערט
און דערגרייכט אים שוין כמעט,
זאָגן פּלוצלונג אָפּ די כוחות —
אָרעם זינקט דערשעפּט און מאַט.

שלאַבריק ווערן זיינע גלידער
און באַוועגונגען געהעמט;
ראַשיד ווערט פון ים געשליידערט,
אָן אַ ווילן, ווי געלעמט.

יונגפרוי גליטשט זיך פון זיין רוקן,
מאַכטלאָז זינקען נעמט איר גוף,
רופט נאָך הילף מיט הענט געשטרעקטע —
ים־געבריל פאַרטויבט איר רוף.

קומט אַ רויב־פיש באַלד אָנגעשווומען
מיט אַ ציינ־יק־אָפן מויל
גרייט דעם קרבן איינצושלינגען.
ראַשיד פול מיט ווּט און גרויל,

קריגט אַ ווייל צוריק די כוחות — —
דאָ,ביים ברעג גאָר, אונטערגיין?!
כאַפּט פאַר האָר די טרינקענדיקע —
ר'מוז זיין קרבן מציל זיין!

פּרוווט זי שלעפּן צו יבשה,
אָבער אָרעם זינקט אָן מאַכט.
יאָ, ביים סאַמע ברעג דערטרונקען — —
. . . און ער האָט זיך אויפגעוואַכט.

ס'איז געווען אַ בייזער חלום.
וואָס האָט דען מיט אים פּאַסירט?
קאַלטע, זילבערנע לבנה
איבער הימל־ים שפּאַצירט;

ס'נאָגט אַ ווייטיקדיקע בענקשאַפט,
עפּעס קלעמט דאָס האַרץ, באַשווערט;
אָט־אָ שטייען פּרוכטן־ביימער,
אָט — דאָ שטייט דאָס טרייע פערד,

ציפּט דאָס גראָז, ווי קיינמאָל גאָרנישט;
ראַשיד הויבט זיך אויף פון דר'ערד,
גייט צום פערד צו, זעצט זיך אויף עס,
רייט פאַמעלעך, רייט פאַרקלערט — —

אַנדערש האָט געזאָלט זיין, אַנדערש,
מיט אַ האַלבער נאַכט צוקריק;
ער אַליין, דורך רגע שוואַכקייט,
האָט פאַרשפּילט דאָס אייגן גליק.

טיף אויף ברוסט דעם קאָפּ געזונקען,
ראשיד רייט אין שטילער נאַכט — —
שפּאַנענדיק מיט טראָט באַזאַכטן,
ס'פערד איז, דוכט זיך, אויף פאַרטראַכט:

. . . ס'רייט מיין האַר אַזוי פאַמעלעך,
וואָס איז דען מיט אים דערמער?
צי צום שילדקרעט־שלאָס אויף פעלזן
דאַרף ער זיך נישט איילן מער?

קאַפּיטל צען

ראַשיד קומט צום באַרג געריטן
און פון פערד אַראָפּ ער שטייגט;
אויפן שפּיץ דאָס שלאָס פון שילדקרעט
גלאַנצט אין זילבער־ליכט און שווייגט.

יאָ, אָט איז ער אָנגעקומען
צו דעם לאַנג־געגאַרטן אָרט;
אַסמאַ דאַרף זיך באַלד באַווייזן
אינם צפון־פענסטער דאָרט —

טוט אין פענסטער ווייס אַ שימער
און עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט;
ראַשיד פילט אין קני אַ וואַקל,
לענט דעם קאָפּ אָן פעלזן־וואַנט,

קוקט מיט שטאַרן בליק צום פענסטער,
שעפּטשעט: „אַסמאַ" — וואַרט און וואַרט;
אין דער שטילער נאַכט, קוים הערבאַר,
אַסמאַס שטימע פליסטערט צאַרט:

„ביסט געקומען, ליבסטער, ענדלעך,
„פון מיין פיין באַפרייען מיך;
„שטרעק דיין אָרעם! מיינע האָרן
„פונם ישוב קערן גיך."

„אָבער, זאָג, פּאַרוואָס נאָך שטייען
„ווענט און טורעמס נישט־גערירט?!
„האָסטו אַלץ בעת נסיון
„ווי געהעריק אויסגעפירט?"

אַסמאַ וואַרט מיט הענט געשטרעקטע
אין דער קלאָרער נאַכט אַריין — —
אָבער ס'קראַכן נישט די טורעמס,
ס'פּאַלן תפיסה־ווענט נישט איין.

— „אַסמאַ, אַסמאַ, כ'האָב כסדר
„בלויז פון דיר, פון דיר געטראַכט
„און די לעצטע נאַכט פון זיבן
„אָן איין רגע שלאָף פאַרבראַכט."

— „מוזן מויערן דאָך זינקען
„איצטער, אין דערלייזונגס־שעה,
„וויל מיט בלישטש פון מאָרגנשטערן
„איז די כיתה ווידער דאָ."

אָבער פעסט די שלאָס־ווענט שטייען
מיט די טורעמס אויפגעשפּיזט;
קאַלט און פרעמד מיט בלייכן שימער
די לבנה זיי באַגיסט.

שטראַלן אויך אויף ראשידס הילע
מיניען זיך אין יעדן פאַלד,
גלאַנצן אָפּ אין ראשידס אויגן,
וו זיך טיפער צער באַהאַלט:

— „בײגעשטאַנען אין נסיון
בין איך גאַנצע זיבן טעג;
איז די לעצטע שעה געקומען
„האָב איך זיך געלאָזט אין װעג;

„נאָך אײן רגע, נאָך אײן רגע,
„װען איך װאָלט באַהערשט מײן לוסט,
„װאָלסטו איצטער װײטער שמאַכטן
„בײם ניט־גוטן נישט געמוזט.״

אסמאס הענט, װי טױטע פליגל,
לאָזן האסטיק זיך אראָפּ;
ראשיד פילט, װי טראָפּנס טרערן
פאַלן, טריפן אױף זײן קאָפּ,

װי אַ מאָרגנטױ אַ פרישער
מאַכן זײ די האָר אים פײכט;
ס׳צאַנקט אַ שטערן נאָך אַ שטערן,
ראנד פון מזרח װערט פאַרבלײכט.

שאָטנדיק געשטאַלט אין פענסטער
רירט זיך אין פאַרבלאַסטן ליכט;
דוכט זיך, אַז אַ דינער שמײכל
צער פאַרװישט פון איר געזיכט:

— „ראשיד מײנער, נישט פאַרצװײפל,
„װאָפּן זיך אין מענער־מוט,
„גירט זיך אָן מיט שטאַרקן װילן —
„אַלץ װעט װידער װערן גוט.

„רייטס צום טאָל, מאַנג בערג געלעגן,
„פערצן מייל פונדאַנען ווייט,
„פערצן טעג פאַרבלייבסטו דאָרטן
„פונם ישוב אָפּגעשיידט;

„הונגער־פּיין פאַרטרייב דורך בענקשאַפט,
„היץ פון טעג און קעלט פון נעכט —
„ווייס, ס'וועט שווערער זיין, ווי פריער,
„מיטן שטן איצט ס'געפעכט.

„אָבער הגם מעת־לעת דעם לעצטן
„פיר און צוואַנציק שעה זיי וואַך,
„היט זיך פאַרן מינדסטן דרימל —
„שלאָפן איז די ערגסטע זאַך!

„ס'לויערט אויף דיר שלאָף — דיין שונא —
„אומעטום, וווּ נאָר דו ביסט;
„טאָמער זעצסטו זיך אַ ווײַלע —
„איז דיין גאַנצע מי אומזיסט.

„טאָרסט פון עסן נישט פון טרינקען
„טועם זיין אין מינדסטער מאָס,
„אַנדערש — ווערט פון דאָ אַנטרינען
„מיט זיין רויב מיין באַלעבאָס.

„זיין חברותא, זיי עס וויסן,
„קלויבט זיך צו פאַרלאָזן ס'שלאָס:
„עפּעס זענען זיי שוין חושד,
„אַז עס גרייט זיך עפּעס וואָס.

„נון, אין וועג און זיי מצליה,
„ברענג די בשורה פון מיין גליק — —
„הערסט? עס קערן שוין פון ישוב
„מיינע הארן זיך צוקריק.״

— „אסמא, ס׳וועט מיך שוואַכער ווילן
„נישט פאַרפירן נאָכאַמאָל!״ —
אויפגעהייטערט רייט אָפּ ראַשיד
גיך אַוועק צום ווייטן טאָל.

קאַפּיטל עלף

ציען זיך ווי אייביקייטן
טעג אָן טרייסט און נעכט אָן שלאָף;
טעג צעגליטע, בענקשאַפטפולע,
נעכט פֿאַראיינזאַמטע, אָן סוף.

מיט פֿאַרדאַרטע וואָרצלען ראשיד
און מיט ווילד־געוויקס זיך נערט;
ציילט אין בענקשאַפט שעהן לאַנגע
און זיין אייגן לייב פֿאַרצערט.

ציילט די שעהן, טעג געדולדיק —
האָט שוין אָפּגעציילט א וואָך;
ווידער איז א טאָג אַריבער
און בלויז זעקס פֿאַרבלייבן נאָך.

ס׳טרייע פערד ציילט אויך מעת־לעתן,
ציילט מיט אייגענער פערדן־מאָס:
טאָג נאָך טאָג ווערט גרעסער שטח
פונם אויסגעצופּטן גראָז.

אויפן הימל זעט אויך ראשיד
פונם צייט־לויף א באַווייז:
אויסגעוואַקסן איז לבנה
פון א סערפּ צו זילבער־קריי׳.

צוועלף שוין זענען טעג פאַרגאַנגען,
פערד האָט ס'גראָז באַלד אויסגעצופט!
אויך דאָס וואַסער פונם טייכל
איז כמעט שוין אויסגעזופט.

דרייצן טעג שוין אָפגעציילטע,
בלייבט נאָך לעצטער בלויז מעת־לעת —
מאָרגן אָוונט קומט דערלייזונג,
מאָרגן קומט דער גרויסער נס!

ראשיד שלאָף פאַרטרייבט דורך שפאַנען,
שטיין אַ ווייל זיך נישט געטרויט,
ביז פון קאַלטער נאַכט דער לעצטער
פיקט זיך אויס דער מאָרגנרויט.

ס'זאָגט זיך אָן דער טאָג אַ שווערער,
ראשיד ווייס עס, מאַכט זיך גרייט.
אינדערפרי שוין ברענט די חמימה,
ס'איז די זון אַרויס פון שייד;

פייער־מבול פלייצט פון הימל
און דעם גאַנצן רוים צעפלאַמט;
ס'באַקט די לופט און פעלזן גליען,
ס'בריט דעם טראָט דער געלער זאַמד.

אַלע איברים ראשידס ברעכן
און זיין קאָפ — ווי בליי באַשווערט;
פונם וואַך־זיין אויגן שטעכן —
ראשיד דאָך פון רו נישט קלערט.

פעלזן־פּעסט איז ווילן זיינער,
רק פון אסמאן טראַכט ער, טראַכט;
מעג דער טאָג נאָך הייסער ווערן — —
פריי זיין וועט זי היינט ביינאַכט!

היץ ווערט גרעסער מיטן שטייגן
פון דער זון צום הימל־מיט;
חלל ווערט אַ קאַלעך־אויוון,
ס'גליט פון פעלזן דער גראַניט.

ראשיד שפּירט זיין קני זיך וואַקלען,
ס'בלוט — א לאַווע — זעצט אין קאָפּ;
ס'ווילן מער די פיס נישט דינען,
הענט, אין אָנמאַכט, פאַלן אָפּ.

אָפּצופרישן זיך מיט וואַסער
לאָזט ער זיך צום טייכל גיין;
טרוקן איז דאָס טייך־געלעגער,
ווי דאָס זאַמד און בארג־געשטיין.

פונם ברעג צו פעלזן־שאָטן
האָט ער שווער זיך צוגעשאַרט;
אָבער ס'שטעגל גלייך פאַרלאָזט ער:
שיר אָן שטיין זיך אָנגעשפּאַרט!

גייט אָפּ ראשיד, שוויס־באַגאָסן,
קוים נאָכשלעפּנדיק די פיס;
ס'איז דער רוים פון זון צעפלאַקערט,
יעדער שטראַל — א פייער־שפּיז.

עגבערט, בויערט דורך דעם מוח,
ביז צום ביינער־מארך דערגייט,
און דער רוקן בויגט זיך, ברעכט זיך,
פאר די אויגן שווינדלט, דרייט;

געלע רעדער־רייפן יאָגן,
אָט — ער חלשט, אָט — ער פאַלט,
כאפּט דעם דולן קאָפּ אין דלאָניעס
און אזוי, פאַרפרעסט, אים האַלט.

קוים זיך אויסגעגלייכט, באַשליסט ער:
ניין! ער בלייבט נישט דאָ קיין ווייל!
העכער וועט ער שטייגן, העכער,
אין די בערג, צו קילער הייל.

לופטיק איז די הייל, גערוימיק,
פון דער הייסער זון געשיצט;
וואסער־זייל דאָרט פון פאָנטאַנע
וואסער־שטויב ארום זיך שפּריצט.

לייכטער זיין וועט ס׳איבערהאַלטן,
כוחות וועלן זיין באַנייט;
מיטן בייזן גייסט פון שוואַכקייט
וועט אויך גרינגער זיין דער שטרייט.

באַרג־שטעג גליט אין הויכע פעלזן
דרייט זיך, שלענגלט, ווי אַ שרויף;
ראשיד נעמט דאָס פערד פאַר ציימל
און זיי שפּאַנען באַרג־אַרויף.

נאָך אַ קלעטער־שעה אַ שווערער,
מידע און פון היץ דערשעפּט,
צו דער באַרג־הייל מיט פאַנטאַנע
האָבן ביידע זיך דערשלעפּט.

הייטער שפּרינגט דאָס פערד צום וואַסער,
נורעט איין דעם קאָפּ און שלוקט;
ראַשיד שטייט אין הייל־אַריינגאַנג
און צום פערד מיט קנאה קוקט.

גייט אין הייל אַריין. אין שאָטן
נעמט אַ קילקייט אים אַרום;
זיסער שוידער לויפט זיין גוף דורך,
כוחות קערן אים זיך אום.

שטייט ער נעבן דער פאַנטאַנע,
אַלע איברים אויסגעגלייכט;
קילער וואַסער־שטויב, ווי באַלזאַם,
זיין צעוויטיקט לייב באַפייכט.

בלויז נאָר ס׳מויל וועט ער דערפרישן
מיט אַ קילן וואַסער־שוועַנק;
ציט ער אויס דאָס מויל צום וואַסער,
טוט א שאַל אַ שטים: — „געדענק!“ —

און ער שפּרינגט צוריק פאַרציטערט,
ס׳לויפט זיין קערפּער דורך אַ קעלט:
ס׳קומט פון ווו אַ האַנט געשטרעקטע
און — זיין אָפן מויל פאַרשטעלט.

ראשיד בלייבט אַ ווייל פאַרשטיינערט
און ס'באַדעקט אים קאַלטער שוויים:
צי האָט אים פאַרנאַרט ניט־גוטער
ווידער אין זיין כישוף־קרייז?!

שטן וויל אים נישט דערלאָזן
זיך צו קרעפטיקן — ער ווייס;
שטנס בייזע מאַכט באַזיגן
מוז ער איצט פאַר יעדן פּרייז!

אָט איז ווידער אַלץ פאַרשוווּנדן,
מידקייט האָט זיין אויג אנטוישט;
פון פאַנטאַנע שפּריצט דאָס וואַסער,
זשומעט, שוימט זיך, פּליעסקעט, רוישט.

ראשיד בויגט זיך אָן צום וואַסער,
קאַלטקייט זיינס אין מויל דערפילט,
ס'קיצלט תענוגפול דעם גומען
און פאַרברענטע קעל אים קילט — —

אָבער — שטאַרק זיך! צייט נאָך! שפּעט שוין!
זאָל פאַרשפּילט זיין ווידער אַלץ?!
וואַסער־שלוק אַדורכגעגליטשט זיך
האָט פון קעל אריין אין האַלדז.

ראשיד באַלד דערפילט אַ מאַטקייט
און פאַרנעפּלט ווערט זיין בליק;
טריב אין איבּ געדאַנק נאָך פינטלט:
— נאָכאַמאָל פאַרפאַסט דאָס גליק!

ערגעץ וועפּט זיך אוים זיין ווילן,
שלאבריק ווערט זיין גאנצער גוף;
אויף די פּים זיך איינצוהאלטן
מאכט ער נאָך אַ לעצטן פּרווו.

נאָך איין מאָל בליצט אויף אין מוח:
— ראשיד האָסט פאַרדינט דיין שטראָף!
און ער פאַלט ביים היילֿ־אריינגאַנג
און פאַרזינקט אין טיפן שלאָף.

ס'פערד פּאַמעלעך זיך דערנענטערט,
שטייט אַ ווייל פאַרטראַכטערהייט,
שניפּלט, שמעקט צום שלאָפנדיקן
און ציט אוים זיך ביי זיין זייט.

קאַפּיטל צוועלף

איבער טיפֿן סאַמעט־הימל
יאָגן וואָלקנס באַרג אויף באַרג;
יעדער וואָלקן ווערט געטריבן
פֿון אַ שדל אויפֿן קאַרק.

איבער טיפֿן סאַמעט־הימל
ציט אַ ווילדער שדים־שאַר *)
פֿירנדיק צו זייער דירה
מיטן הויזגעזינד דעם האַר.

צימבלען, פּייקלעך, טאַצן, ווערבלען
ליאַרמען, הילכן זאַלבענאַנד;
יעדעם שדל פֿון דער מחנה
אַנדער כּלי האַלט אין האַנט.

באַס־געברום און פֿייגל־צוויטשער
און אַ פֿראָש־געקוואַקערײַ
מישט זיך מיט געוואָי פֿון שטורעם
און מיט הינטיש האַוקערײַ.

גאָנגען־שלאָג און דונער־קראַכן,
פֿון שאַקאַלן ווילד געהויל,
מענטשיש וויינען, חיות־רעווען
מישט צונויף זיך אין איין קנויל.

*) שדים־שאַר — שדים־מחנה. (פּראָווינציאַליזם).

און עס ליארעמט, און עס קלעפּערט,
ס'ציטערט אין די בערג די לופט —
שלאָגט זיך אָפּ אָן ראשידס אויער,
וועקט פון הארטן שלאָף אים, רופט —

עפנט ראשיד מיד די אויגן,
קוקט פאַרשטאַרט צום הימל־רוים
און ער ווייס נישט, צי די זעאונג
איז אויף וואָר, צי איז עס טרוים;

קוקט ער, קוקט פאַרווירט ארום זיך
מיט מטושטשדיקן בליק:
באַרג צו באַרג זיך דריקט און טוליעט
איינגעהערט אין דער מוזיק.

אין די לופטן ציט אַ חייל
אין לבנה־שיין פאַרביי — —
שדים־מחנות כל'ע מינים:
גייער, פאָרער, רייטעריי,

שדים־חיות, שדים־פייגל
האַלטן וואָלקנס אין געשפּאַן,
שלעפּן וועגענער באַלאַדנט
אין אַ לאַנגן קאַראוואַן.

ראשיד קוקט דערשטוינט צום הימל,
נעמט געדאַנקען שווער צונויף —
וואָס באַדייט דאָס ווייסט געווימל
און ביינאַכטיק שדים־לויף?

און דערמאָנט זיך: אַלץ פּאַרשפּעטיקט!
פון ניט־גוטנס בייזן גייסט
וועט דער קרבן פון זיין שוואַכקייט
שוין נישט ווערן אויסגעלייזט.

און מיט ווייטיק קלאָר באַגרייפט ער,
וואָס אין הימל־רוים פּאַסירט:
אַסמאַ ווערט דורך איר באַצווינגער
איצטער ווייט אַוועקגעפירט.

פון אַווירבל־ווינט צו מזרח
ווערט געיאָגט דער טאַראַראַם;
ס'ראַמפּלען *), ס'קייקלען זיך די רעדער,
שפּרינגענדיק אויף וואָלקן־קאַם.

שורות קאָטשן גאַלאָפּירן
צווישן שרעטלעך ערן־וואַך;
ס'זיצט אין יעדער קאָטש אַ פּאָרל
אונטער זילבער חופּה־דאַך.

קוטשער איז אַ האָן מיט הערנער,
לייצעס — דינע שטראַלן־שטריק;
פערדלעך — פלעדערמייז, אין יעדער
קאָטש געשפּאַנט צו דרייצן שטיק.

פון אַ שורה זילבער־קאָטשן
פינקלט שאַרף אַרויס פון מיט,
איינגעשפּאַנט אין שלאַנגען־אָדלערס,
קאָטש פון גרינעם מאַלאַכיט.

*) ראַמפּלען — גאָר גיך פאָרן (פּראָווינציאַליזם).

אויפן פליוש־געזעם צעלייגט זיך
ס׳מלכות רחבותדיק און ברייט;
אסמא זיצט פארצאגט, פאראומערט,
איינגעקארטשעט ביי זיין זייט.

ראש־יר רייסט זיך צו די הימלען,
שטרעקט די הענט אוים מיט געבעט,
ווען ער אויבן, אין מרחקים,
אסמאן שוועבנדיק ער זעט — —

— „אסמא!" — רוף אין האלז בלייבט שטעקן,
אפגעהאקט, פארקלעמט פון שרעק;
און די ווירבלדיקע מחנה
טראגט זיך ווייט אין רוים אוועק;

טראגט זיך ערגעץ, ווינט־געטריבן,
און צעשווימט זיך אין אין־סוף;
אויך הארמידער לעשט זיך, לעשט זיך,
און אין לערקייט לעזט זיך אויף.

ציטריק הענגען בלייבט אין חלל
בלויז א הייטל דינער רויך,
ס׳רויכל שלענגלט זיך און קייקלט,
לאזט אראפ זיך פון דערהויך,

צו דער ערד־צו נידערט, נידערט,
גרוס פון הימל־רוים געשיקט:
ווֿאלקן־קאנווע איז מיט העלע
זילבער־אותיות געשטריקט — —

„ביטער איצטער איז מיין גורל,
„כ׳גאַר נאָך דיר, דו ליבער מיין,
„האַרץ מאַגס איז פאַרקלעמט פון בענקשאַפט
„כ׳שרייב מיט טרערן, מיט געוויין;

„ס׳מלכות מיט זיין גאַנץ געזינדל
„פון זיין זיץ־אָרט איצט אַנטרינט,
„צום פערל־שלאָס אויף באַרג פון גינגאָלד
„טראָגט זיי שוואַרצער שטורעם־ווינט.

„וואַנדער־יאָרן לאַנגע, לאַנגע,
„גרויל און אומעט דיך דערוואַרט;
„פול וועט זיין דיין וועג מיט שטרויכלונג
„און דיין גורל — שווער און האַרט.

„דאָך זאָל בלייבן פעסט דיין ווילן
„און אין גלויבן שטאַרק דיין גייסט;
„זוך אויף מזרח באַרג פון גינגאָלד,
„ביז געפינסט מיך און — און באַפרייסט!"

אומבאַוועגלעך הענגט אין חלל
לויכטנדיק דאָס וואָלקן־כתב;
לייענט ראשיד ס׳הימל־שליחות,
שלינגט מיט אויגן טראָף נאָך טראָף,

ביז אין טונקל־בלויען שטח
ווערט דאָס ליכט־געשריפט צעלאָזט;
זילבער־אותיות פאַרבלייכן
און דער ווינט זיי גיך צעבלאָזט.

ערגעץ־ווו א רויך־געדאנקל
קעמפט פארעקשנט נאָך מיט ווינט —
ראשיד קוקט, ווי ס'לעצטע ברעקל
ווערט צעפלאָסן און צערינט.

קומט ער אויף פון זיין פארשטארונג,
גייט פאמעלעך צו צום פערד,
זעצט זיך אויף עס, גלעט עס, גלעט עס
און ער רירט פון אָרט פארקלערט;

שפאנען, שפאנען פערד און רייטער
צווישן פעלזן, טריט ביי טריט,
רייטן קעגן זונען־אויפגאנג,
וואָס זיך איבער בערג צעגליט.

(סוף פון ערשטן טייל)

צווייטער טייל

קאַפּיטל דרייצן

טעג אין וואָכן זיך פאַרוואַנדלען,
וואָכן — אין חדשים פיל;
ראַשיד וואַנדערט אַלץ צו מזרח,
נענטער, נענטער צו זיין ציל.

גייט אַ יאָר, אַ צווייטנס אַריבער — —
ראַשיד זוכט אַלץ אָן אַ סוף,
זוכט דעם בלאַנקן באַרג פון גינגאָלד
מיטן פּערל־שלאָס דערויף.

גייט די צייט זיך איר מהלך,
זונען־אויפגאַנג און פאַרגאַנג;
האַרבסט און ווינטער, זומער, פרילינג —
ראַשיד גייט און גייט זיין גאַנג.

פרעגט ביי יעדן ווו דאָס אָרט איז,
ווו עס וואַרט אויף אים זיין גליק;
קריגט שטאָטס ענטפער — חוזק־שמייכל,
טיילמאָל — מיטלייד־פולן בליק.

גלייך מען וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען,
גלייך ער וואָלט אַראָפּ פון זין — —
וואַנדערט ווייטער, אומדערמידלעך,
צום געזוכטן אָרט אַהין.

איבער פעלדער, איבער וועלדער,
העט פון סאָלעם ווייט שוין ווייט!
איבער בערג און איבער טאָלן
ראשיד גייט, און גייט, און גייט.

שווימט אַריבערברייטע טייכן,
שפּרייזט מדבריות דורך צופּים;
באַרג פון גינגאָלד, שלאָס פון פּערל —
קיינער זאָגט נישט ווו דאָס איז.

פונם וועטער ראשידס קליידער
צוויטלען זיך פון ריס אויף ריס;
באָרוועס לאַנג שוין, בלוטיקט. אייטערט
ווונד אויף ווונד אין זיינע פיס.

דאָרן־ריץ אויף לייב און הוילן,
שאַרפער קלאַפּ פון פעלזן־שטיין —
ראשיד שטיל פאַרטראָגט יסורים
אין זיין לאַנגן גיין און גיין.

היץ און קעלט, און שטויב, און רעגן — —
ר׳איז צו אַלעם צוגעוווינט;
אויך פון מענטשנס בייזע צינגער
ווערט ער לאַנג שוין נישט דערשטוינט.

יאָ — מען האַלט אים פֿאַר חסר־דעה,
ס׳שפּעטן נאָך אים קינד־און־קייט;
אָבער ס׳טוט אים דאָס נישט אַרן,
גייט צו מזרח, גייט און גייט.

שוין פֿון לאַנג האָט ס׳פֿערד דאָס טרייע
אָפּגעדאַנקט, זיין האַר פֿאַרלאָזט
און אויף מדבר־זאַמד אויף הייסן
לעצטן הויך אַרויסגעלאָזט.

פֿונם שלאַנקן קערפּער זיינעם
לאַנג שוין, ביי לבֿנה־ליכט,
האָבן וואַיענדיק שאַקאַלן
זיך געמאַכט אַ זאַט געריכט.

ראַשיד שפּאַנט און שפּאַנט כּסדר,
נישט קיין רגע רו געהאַט — —
זעקס שוין זענען יאָר פֿאַרגאַנגען,
זינט ער איז אַלץ נע־ונד.

זעקס שוין זענען יאָר אַריבער,
ווי ער זוכט אַלץ אָן אַ סוף,
זוכט דעם בלאַנקן באַרג פֿון גינגאָלד
מיטן פּערל־שלאָס דערויף.

— אַסמאַ, זאָג, וווּ ביסט פֿאַרבאָרגן,
וווּ ניט־גוטער דיך באַהאַלט?!
ווי אַזוי די מאַכט באַצווינגען,
וואָס דיך פּעסט געפֿאַנגען האַלט?

— זע, ווי ס׳פייניקט מיך די בענקשאפט,
זע, ווי כ׳זוך דיך נאכט ווי טאָג!
זע, ווי כ׳בין דערשעפט, צעווייטיקט,
זאָג מיר, ווו כ׳געפין דיך, זאָג!

— ווייז מיר ס׳אָרט, ווו טוסט פארשמאכטן,
אסמא מיינע, האָרך מיך, האָרך! — —
ס׳שווייגט די ווייטקייט. שטאָטס אַן ענטפער,
ברענגט דער ווינט א בלעטער-שאָרך.

ס׳שושקעט שטיל א בלאט צום צווייטן
אין דער סודותפולער נאכט:
ערגעץ ליגט באהאלטן אסמא
און פון ראשיד טראכט זי, טראכט — —

וואָס טוט איצטער אסמא טראכטן
דאָרט אין — וור־דען איז דער ד אָ ר ט ?
דוכט זיך, ס׳האָט אים ווער געענטפערט?
קיינער. ס׳איז זיין אייגן וואָרט.

וואָס, פארפרעמדעט, אין זיין אויער,
ווי אַן אָפּקלאנג פאלט אריין:
אין אזעלכע נעכט, אין שטילע,
רעדט ער אָפּט צו זיך אליין.

ווארטנדיק פון ווו אַן ענטפער,
צי גאָר אויף א נס ער האָפט — —
דער אָרום דאָך, נאכט־פארשלייערט,
האלט זיין סוד איין און ער שלאָפט . . .

ראַשיד אויבעט גרייט זיך רוען,
קלעטערט אויף אַ בוים אַרויף;
ווערט אַנדרימלט, זעט אין חלום
פון זיין וואַנדערונג דעם סוף.

קאַפּיטל פערצן

קוים האָט ס׳ערשטע צאַרטע בלאָזל
ערשטן מאָרגן־גרוס געבראַכט,
האָט פון שלומער זיינעם ראשיד
מיט א שמייכל אויפגעוואַכט.

פון זיין חלום ס׳לעצטע ברעקל
פינטלט פריש נאָך אין זיין מוח
ס׳איז געווען א שיינער חלום !—
און צעלאַכט זיך פריידיק, הויך.

מאָרגנרויט און גלעט פון ווינטל,
און די פייגלס פרי־געזאַנג —
אַלץ איז בשורה, אַז זיין וואָגלען
וועט נישט מער געדויערן לאַנג.

לאָזט אַראָפּ פון בוים זיך ראשיד,
טוט די קליידער־טראַנטעס אויס,
שפרינגט אריין אין טייך דערנעבן,
קומט אַ הייטערער ארויס — —

היינט איז ערשטער טאָג פון זיבנטן,
נאָך זעקס שווערע וואַנדער־יאָר;
עפּעס פילט ער, אַז אינגיכן
וועט זיין חלום ווערן וואָר.

און ער טוט אַן קריק די טראַנטעס —
ס'איז נישט גאַנץ אין זיי קיין דרים! —
נעמט דעם איבערביים פון טאָרבע,
זינגט דערביי מיט הויכער שטים:

ברעכט פון בוים אַ צווייג אַ גלייכע,
מאַכט אַ שטעקן זיך אין וועג,
לאָזט זיך, אויפגעלייגט און פריילעך,
ווייטער וואַנדערן אַוועק.

ס'שיט די זון מיט הויפנס שטראַלן
און פאַרפּלייצט אַלץ מיט איר ליכט:
ראַשיד שפּאַנט דער זון אַנטקעגן,
האָפנונג שיינט פון זיין געזיכט.

פּלוצלונג בלייבט ער שטיין פאַרוווּנדערט,
זיינע אויגן גלויבט ער קוים:
פונדערווייטנס זיך דערנענטערט
ברייט־צעצווייגטער, הויכער בוים.

און דער בוים קומט נענטער, נענטער,
ווי ער וואָלט אויף פיס געשפּרייזט — —
ביז עס טויכט אַרויס זיין טרעגער
און זיין ריזן־גוף באַווייזט.

ס'האַלט דער ריז אים ווי אַ שפּילכל,
ווי אַ ריטל אין זיין האַנט;
ס'איז דעם ריזנס קערפּער נאַקעט,
פול באַדעקט מיט אַלערהאַנד.

חיות, יאַשטשערקעס און שלאַנגען,
אַט — עס שטייט שוין נאָנט דער ריז
נעבן ראַשיד, וועלכער גרייכט אים
קוים צום קנעכל פון די פיס.

ראַשיד שטייט מיט קאָפּ פאַרריסן
און דערהערט אַ שאַרפן ברום;
ריז שטרעקט אויס זיין קליינעם פינגער,
קלאַמערט ראַשידן אַרום.

טוט אַ הייב אים, ווי אַ שפּענדל,
הויך אַרויף צום ריזן־מויל,
וואָס זיך עפנט, ווי אַ קראַטער,
און עס קראַכט פון דאָרט אַ קול:

— „זאָג, באַשעפעניש, ווער ביסטו?
„און צו וועלכן מין געהערסטו?!
„זאָג, באַשעפעניש, וואָס טוסטו
„אין מיין גבול און וואָס באַגערסטו?!"

ווי אַ רויטע, נאַסע חיה
שפּרינגט די צונג אין ריזנס מויל;
וואַרפט זיך, טרייסלט בעתן רעדן,
יאָגט אויף ראַשיד אָן אַ גרויל;

ציינער קלאַפּן אים פון פחד
און עס ווערט פאַרשטאַרט זיין בלוט,
דאָך נישט לאַנג האַלט אָן זיין שרעקן
און געווינט צוריק זיין מוט;

גלייך ער שמועסט מיט זיינסגלייכן,
ענטפערט ראשיד רואיק, דרייסט:
— „כ'קום פון מאָרגנלאַנד פון ווייטן,
„וו די הויפּט־שטאָט סאלעם הייסט;

„און איך וואַנדער שוין זינט יאָרן,
„כ'פּלאָג זיך, פּלאָג זיך אָן א מאָס;
„כ'זוך דעם בלאַנקן באַרג פון גינגאָלד
„און אויף אים דעם פּערל־שלאָס.

„מלך סאגיווס טאָכטער אסמא
„דאָרט אין שלאָס געפאַנגען איז;
„און איך מוז דאָס שלאָס געפינען —
„העלף מיר, העלף מיר, גרויסער ריז!"

— „קליינטשיק מענטש־באַשעפענישל" —
טוט דער ריז א שמייכל צאַרט —
„פּערל־שלאָס אויף באַרג פון גינגאָלד
„וואָלט פון בערג אַרויסגעשטאַרט;

„באַרג און טאָל איז מיין ממשלה,
„אַלץ פאַר מיר שטייט אויפגעדעקט
„און מיין בליק קיין באַרג אַזעלכן
„האָט ביז היינט נאָך נישט אַנטפּלעקט.

„אָבער, פּיצל, נישט פאַרצווייפל,
„זיי זיך, מענטשל, נישט מצער:
„איבער כל'ע מיני חיות
„כ'בין ממונה, אויבערהאַר;

„כ'טו א פּיפּס — און אַלע חיות
„קומען גלייך זיך דאָ צונויף;
„כ'פרעג, ווער ס'וויים פון בארג פון גינגאָלד
„מיט א פּערל־שלאָס דערויף."

און עס לאָזט אַ בריל זיך הערן,
אז עס ציטערט אזש די לופט;
מיטן בוים אויף אַלע זייטן
פּאָכעט, פּאָכעט ריז און רופט — — —

קומען כל'ע מיני חיות
אָנצולויפן מחנותווייז,
פון די שווערסטע העלעפאַנטן
ביז די סאַמע קלענסטע מייז.

קומען, אָנגעיאָגט פון אימה,
צינגער הענגען נאָך פאַרשוימט;
ווען צום ריז זיי קומען נענטער,
נעמט זיך יעדע איין געצוימט.

פול מיט ערפורכט שטעלט זיך יעדע
פון ממונה אָפּגערוקט,
דריימאָל יעדע בויגט די קניען
און דרך־ארצדיק זיך בוקט.

שטייען חיות אומבאַוועגלעך,
קוקן אויפן האר געשפּאַנט;
— „זענען אַלע שוין פאַראַנען?!" —
טורעמט אויף דער ריז זיין האַנט.

— „הא — או!“ — אין איין קול די מחנה
ענטפערט, אויסגעשטעלט אין ראָד;
כאָר פון חיות־העלזער רעוועט:
„הא — או! אלע, צום געבאָט!“

„פערל־שלאָס אויף בארג פון גינגאָלד
„ווער קען אין זיין וואנדער־קרייז?
„ווער עס ווייס נישט, זאָל זיך זעצן,
„שטיין זאָל בלייבן, ווער עס ווייס!“

מיט א פאָרשער־בליק זיין מחנה
נעמט ארום א ווייל דער ריז:
אלע זיצן . . . ס'לעצטע העזל
זעצט זיך, קנאַקנדיק א ניס.

נידריק לאָזט אראָפּ דער בוים זיך:
— „חיות לויפט אייך פראנק און פריי!“
לויפן חיות זיך פאנאנדער;
ראשיד לאנג קוקט נאָך נאָך זיי.

ביז עס ווערט די לעצטע חיה
ווייט פארשוואונדן פון זיין בליק. —
בויגט זיך אָן דער ריז צו ראשיד:
— „דאָס, וואָס ס'רופט ביי אייך זיך גליק,

„איז פאר דיר נאָך נישט פארלוירן;
„ווידער לאָזט זיך אין וועג,
„ביז מיין ברודער, פייגל־קעניג,
„טרעפסטו אָן נאָך זיבן טעג.

„ר׳איז אַ ריז פֿון מיר פֿיל העכער,
האַלט אַ פֿעדער אין זיין האַנט — —
„אפֿשר אים איז באַרג פֿון גינגאָלד
„מיטן פּערל־שלאָס באַקאַנט.״

ראשיד וויל דעם ריז באַדאַנקען
פֿאַר דער עצה, פֿאַר דער טרייסט — —
טוט דער ריז אַ שפּרייז, אַ צווייטן,
און — שוין ווייט אַוועקגעשפּרייזט!

מיטן ריז זיך אויך דערווייטערט
און פֿאַרשווונדן ווערט דער בוים,
קוים באַוועגלעך אינעם מרחק
שוואַרצלט זיך אַ פּינטל קוים.

קאַפּיטל פופצן

ראַשיד הערט זיך צו פאַרחלומט,
ליגנדיק אין פעלזן־שפּאַלט,
צום גערייזל פון דעם שטראָמל,
וואָס פון באַרג־שפּוע פאַלט.

ליגט און וואַכט די נאַכט כסדר
ביז עס ווערט באַגינײק־בלאָס
איבער הויכע ווענט פון פעלזן
שמאָלער, לאַנגער הימל־פּאַס.

ס׳ווערט דער נייער טאָג געבוירן.
נאָכן וואָגלען זיבן טעג
ראַשיד שפּרינגט פון שטיין־געלעגער,
לאָזט זיך גיין מיט שמאָלן שטעג —

בערג, פאַרגליווערטע אין גרויקייט,
הויערן צונויפגעפּרעסט
און אין אינגעווייד באַהאַלטן
פון הער נאַכט די סודות פעסט.

ביסלעכווייז די בערג־שפּועים
לויכטן אויף, און איבער זיי
צינדן רויט זיך אָן די שפּיצן
אונטער ווייסן דעק פון שניי.

ס'קעמפן פארבן. ענדלעך גובר
איז דער פורפור־רויטער פלאם
ס'פלאקערט, בלענדט דער זונען־אויפגאנג
און צעגליט פון בערג דעם קאם.

פלאם צעוואקסט זיך בדייט פאנאנדער,
פארבט אויף רויט די גאנצע וועלט.
מיטאמאל די רויטע כוואליע
ווערט מיט שווארצן פלעק פארשטעלט — — —

פלעק צעגיסט זיך ברייט און ברייטער
איבער רויטן מזרח־ראנד
און ער רוקט זיך העכער, העכער,
ווי א פלאכטע שווארץ געוואנד.

טונקלקייט זיך שפרייט אומהיימלעך
איבער שניי־קופאלעס אוים — — —
ביז ס'דערזעט פול שטוינען ראשיד:
פלעק איז פערער גאר פון שטרויס — — —

שווארצער פלעק זיך וואקסט פאנאנדער,
עמיץ שטופט אים אינדערהויך,
באלד טויכט אויף די האנט, דער ארעם
און דער פעדער־טרעגער אויך.

ראשיד שרייט, גיט האנט־סימנים:
— גרויסער ריז, באמערק דעם צווערג!
יא, דער ריז האט אים דערזען
און שטעלט אפ זיין גאנג אין בערג.

ס'טראָגט דער ריז אַרום די לענדן
ברייטן פּאַס אַרומגעגירט,
וועלכער איז מיט כּל'ע מינים
פייגל־פעדערן באַצירט.

ראַשיד שוועבט באַלד אין די לופטן
און דערפילט אַ שאַרפע קעלט:
ס'האָט דער ריז אים אויפגעהויבן,
אויפן שנייִ אַוועקגעשטעלט.

„ס'גריסט דיך ברודער חיות־קעניג,
„ער האָט מיך צו דיר געשיקט:
„באַרג פון גינגאָלד, שלאָס פון פּערל
„זאָלסט מיר זאָגן וווּ עס ליגט."

— „שוואַך באַשעפעניש, מענטשן־מילבל,
„בערג פאַרדעק איך מיט מיין האַנט.
„ווען איך שטיי אין טאָל אין טיפסטן —
„ס'איז דיין באַרג מיר אומבאַקאַנט."

ראַשיד זינקט אויף שנייִ אַנידער:
— „ווער־זשע וועט מיר העלפן הייִנט?!"
קוקט אים אָן דער ריז פאַרחידושט:
ווייס נישט, וואָס עס הייסט — געוויינט.

„נישט פאַרקרום זיך, מענטשן־מילבל,
„ס'איז נאָך נישט אומזיסט דיין מי —
„כ'וועל זיך פרעגן ביי די פייגל,
„כ'רוף — זיי קומען אין איין פלי."

ס׳הילכט א צוויטשער. מיט דער פעדער
פּאַכעט ריז אַהער, אַהין — —
קומען פייגל אָנצופליען
גאַנצע כמאַרעס, מין נאָך מין.

פליען אָן מיט רעש און טומל,
לאָזן לאַנגזאַם זיך אַראָפּ,
קלאַפּן דריי מאָל מיט די פליגלען,
טיקנדיק אין שניי דעם דזשיאָב.

— „זענען אַלע שוין פאַראַנען?!“
— „צווי — יטש! אַלע, צום געבאָט!“
— „פייגל, זאָגט, אַ באַרג פון גינגאָלד
„אין זיין פלי געזען ווער האָט?!“

„ווער עס וויים, שטייגט אין די לופטן,
„ווער עס וויים ניט — בלייבט אויף ד׳רערד!“
אַלע רוען. ס׳ווערט די שטילקייט
נישט פון מינדסטן שאָרך געשטערט.

ס׳לאָזט דער ריז אַראָפּ די פעדער:
— „פייגל, פליט אייך פראַנק און פריי!“
לופט ווערט פול מיט פייגל־קולות
און מיט פליגל־פּאַטשעריי;

ראַשיד קוקט, ווי לעצטער פויגל
הויך פאַרשווינדט אין קלאָרער לופט —
טוט דער ריז אַ צופּ אים צערטלעך:
— „דאָס, וואָס גליק ביי אייך זיך רופט,

„און דו יאָגסט עס נאָך זינט יאָרן,
„איז פאַר דיר נאָך אָנגעברייט:
„וואַנדערסט, וואַנדערסט, זוכסט עס ווייטער,
„ביז דו טרעפסט אָן, נאָך אַ צייט,

„אויף אַ ריז פון מיר נאָך העכער,
„וואָס זיין קאָפּ די הימלען שפאַרט
„און ער קנוילט מיט הענט די וואָלקנס,
„נעמט צונויף זיי און צעשאַרט.

„ס׳איז מיין ברודער, ווינטן־קעניג, —
„פון אונז דריי איז ער דער בכור;
„ווערסט דורך זיינע אונטערטאַנען
„וועגן גינגאָלד־באַרג געוואָר.״

דאָס געזאָגט — נעמט ראשיד שוועבן
און אַרום אים וואָרעם ווערט:
ס׳האָט דער ריז אים מיט זיין אָרעם
קריקגעשטעלט אויף פלאַכער ערד.

ס׳שפאַנט דער ריז מיט מיילן־שפּרייזן
אין די בערג זיין וועג אַוועק;
ראשיד זעט, ווי ריז ווערט נעלם
און מיט אים דער פערדער־פלעק.

קאַפּיטל זעכצן

וואַנדערט ראַשיד ווייטער, ווייטער,
וויל נישט וויסן פון קיין רו —
אַסמאַן מוז ער, מוז געפינען,
כאָטש ער ווייס נישט ווען און ווו.

גייען טעג פאַרביי און וואָכן —
וויפיל? — ראַשיד ציילט נישט מער;
ווינטן־קעניג צו באַגעגענען
איז זיין איינציקער באַגער.

אָבער שטאָטס דעם ווינטן־קעניג
קומט בלויז אימהדיק געהויל;
ווינטן רייסן אָן און אויפהער,
דרייען ס׳מדבר־זאַמד אין קנויל,

און אַרום איז טויטער מדבר,
קיין געוויקס און קיין בעל־חי —
ראַשיד אָפּט פאַריאָגט זיין אימה
דורך אַ ווילדן אויסגעשריי,

אַ געשריי אין וויסטן חלל,
וואָס דער ווינט כאַפּט־אויף, צעטראָגט,
ברענגט עס קריק אין ווידער־קולות,
גלייך אַן עדה וואָלט געקלאָגט.

שפאַנט ער ווייטער, ווי באַנומען,
ווערט נישט מיד, טאָג־אויס, טאָג־איין,
ביז אויף הויכן פעלזן־אָפּהאַנג
בלייבט ער אויפגעציטערט שטיין:

אָט־אָ־דאָ איז וואַנדער־מעטע,
אָט איז סוף פון לאַנגן וועג —
ס'שפּרייט זיך אויס דער ים צו מזרח
אין אומענדלעכקייט אַוועק;

ס'ברומט דער ים אַ גרין־צעשוימטער,
רייסט פון גרענעץ זיך אַרויס;
כוואַליעס, בערגיקע, צעיושעט,
שטורמען ברעג מיט ווילד געברויז.

פעלזן־ברעג צעשמעטערט כוואַליעס,
שליידערט זיי דעם ים צוריק;
שוואַרצע כמאַרעס, ווינט־געטריבן,
הילן איין דעם הימל דיק.

יעדע רגע ווערט דער חושך
פון אַ שאַרפן בליץ צעהעלט
און אַ דונער־קראַכן טרייסלט
מיט יסודות פון דער וועלט.

שעהן, שעהן אין געוויטער
ראַשיד זיצט אויף פעלז פאַרשטאַרט;
איינגעקוקט אין תוהו־בוהו
זוכט ער עפּעס, קוקט און וואַרט.

ס'פליִיצט אַ מבול פון די הימלען,
וואָלקנס ווערן איינס מיט ים;
פון די בערג זיך רייסן פעלזן
און צעשפּרינגען מיט אַ פלאַם.

פּלוצלונג פון צעוויגטע תהומות
טויכט אַרויס אַ ריז-געשטאַלט
און עס הויבט זיך צו די וואָלקנס,
שאַרט מיט אָרעמס זיי, צעשפּאַלט.

קאָפּ פון ריז דערגרייכט די הימלען,
גוף דורך כמאַרעס שפּאַרט זיך וועג,
פיס צעשניידן וואַסער־כוואַליעס,
באַנען דורכגאַנג זיך צום ברעג.

ראַשיד וויל דעם ריז באַרירן — —
מייל־שפּרייזן מאַכט דער ריז;
ברעכט ער אָפּ אַ פעלזן־שפּליטער,
וואַרפט און טרעפט אים אין די פיס —

שטעלט דער ריז זיך. אויך ס'געוויטער
מיטאַמאָל ווערט אָפּגעהאַקט.
ס'הילכט אַ קול פון ערד ביז הימל:
— „ווער האָט רירן מיך געוואַגט?!”

שטייט אויף פינגער־שפּיצן ראַשיד,
קאָפּ פאַרריסן אינדערהויך:
— „ברודער חיות־קעניג גריסט דיך,
„פייגל־קעניג גריסט דיך אויך!”

ראשיד באַלד דערפילט, ווי ס'הויבט אים
עמיץ איבער וואָלקן־שיכט;
אין צעהעלטן, בלויען גאָרנישט
זיך באַוועגט דעם ריז'ס געזיכט,

קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן.
ס'קלינגט די שטילקייט פּוסט און לער.
פּלוצלונג שאַלט אַ שטים אין לערקייט:
— „וואָס האָט דיך געבראַכט אהער?!"

— „כ'קום פון ווייטן, ווייטן סאַלעם,
„מלך סאַגיוו דאָרט רעגירט;
„סאַגיווס בית־יחידה אסמא
„האָבן יענע לייט פאַרפירט.

„האַלטן זי אין שלאָס פון פּערל
„ערגעץ אויף אַ גינגאָלד־באַרג — — —
„העלף מיר אויס דאָס אָרט געפינען,
„דו ביסט מעכטיק, דו ביסט שטאַרק!"

— „נישט פאַרצווייפל, פּיצל שטויבל,
„זיי זיך מענטשל, נישט מצער;
„איבער כל'ע מיני ווינטן
„כ'בין ממונה, אויבערהאַר;

„כ'טו אַ רוף — — פון אַלע עקן
„זאַמלען זיי זיך דאָ געשווינד;
„וואָס געהערט און וואָס געזען
„וועט דערציילן יעדער ווינט."

און עס הערט זיך באַלד אַ פּייפן,
אויסגעצויגן, שניידיק, שאַרף;
ריז מיט ביידע הענט, ווי רודערס,
טוט אויף רעכטס און לינקס אַ וואַרף — — —

קומען ווינטן־מחנות האַסטיק,
סאַפּנדיק פון יאָגעניש;
ווינטן פונם ים־הקרח
מיט מוסאָנען — איין געמיש.

ווירבלדיקע הוראַגאַנען
מיט אַ וואָיען, אַ געבריל;
צווישן ציקלאָן און אַ טייפון —
טאָלן־ווינט — בנעימות, שטיל.

יעהער ווינט מאַכט דריי הקפות,
ווען ער לויפט דעם ריז פאַרביי,
לייגט צונויף די ווינטן־פליגל,
שטעלט זיך רואיק אין דער ריי

און פאַרבלייבט אַזוי פאַרגליווערט.
ס'שטרעקט דער ריז זיין האַנט אויס שטייף,
האַלט אין חלל זי געטורעמט
און עס הילכט אַ שאַרפער פייף:

— „זענען אַלע שוין פאַראַנען?!” —
טוט אין פוסטן רוים אַ בריל —
לויפט אַ ציטער דורך די רייען,
ווינט מיט ווינט זיך סודלט שטיל,

און די לופט ווערט פייכט און לווילער,
נאָך א רגע — טרוקן, קאַלט;
ווידער — שטיקנדיק און טראָפּיש,
אייזיק־פראָסטיק איז זי באַלד — —

ס׳ציילן, ס׳ציילן זיך ד׳ ווינטן,
ס׳רופט אוים יעדער ווי ער הייסט,
דורך זיין אייגנשאַפט און טבע
יעדער ווינט דעם האר זיך ווייזט.

און ווען ס׳ציילן איז פארענדיקט
פאַלט דער ענטפער מיטאמאָל:
— „פעלן פעלט דער שווארצער שטורעם
„צו פארפולן אונזער צאָל!”

ווארפט דער ריז א בליק פול צאָרן ,
פונקן שפריצן פון זיין נאָז:
ס׳זאָל א ווינט זיין ווידערשפעניק —
ס׳ערשטע מאָל פאסירט אים דאָס!

ווערט בהלה צווישן ווינטן —
אוי, דער שווארצער שטורעם וועט
שוין פאר ס׳זייניקע באקומען
פאר אזא מין שווערן חטא!

ראשיד קאָרטשעט זיך פאר פחד:
דאָס האָט ער אַלץ אָנגעמאכט!
טוט אים ריז א גלעט אין פנים
און ער זאָגט צו אים באזאכט:

„קלעם זיך נישט פון דער פּאַסירונג,
„ס'איז לגמרי נישט דיין שולד;
„באַלד קומט אויך דער ווינט דער לעצטער
„און דער מספּר איז פאַרפולט.

„יעדן ווינט פרעג איך באַזונדער,
„צי ער וויים פון פּערל־שלאָס;
„איצטער, ווינטן, לייגט זיך רוען,
„שאַ זאָל זיין און נישט קיין בלאָז!"

ציען אוים זיך אַלע ווינטן,
ווילדע, מילדע זאַלבענאַנד;
ראַשיד אויבעט ווערט אַנדרימלט,
זיצנדיק ביים ריז אין האַנט.

קאַפּיטל זיבעצן

אין דער רייע אויסגעסדרט
טוט קיין ווינט קיין ריר זיך ניט;
ס'מאַכט די זון איר קרייז אין הימל,
איז פאַרביי שוין הימל־מיט

און פאַרנעמט זיך שוין אויף מערב
איבער הויכן פעלזן־ברעג —
ווינטן ליגן ווי געלעמטע,
אָן אַ פּיפּס און אָן באַוועג.

פּלוצלונג קומט פון־ווו אַ ווינטל,
קומט בגנבה, דורכגענאַרט,
שלייכט זיך דורך דער ווינטן־מחנה
רוקט פּאַמעלעך זיך און שאַרט —

ביז ער קומט צום ריזן נענטער,
טוט אין פּנים אים אַ גלעט —
גיט דער ריז אַ צאַפּל: „היט אייך!"
„ס'קומט דעם שוואַרצן ווינטס שטאַפּעט!"

שפּיצן ווינטן אָן די אויערן:
יאָ! דאָס איז די פֿאָדער־פּאָסט
פון דעם שוואַרצן שטורעם, וועלכער
לכתחילה שוואַכלעך בלאָזט

און דערנאָך אַלץ האַקט, צעשמעטערט
פֿול רציחה, כּעס און ווּט;
זייער טויט־פּיינט — שוואַרצער שטורעם
אָ, זיי קענען אים שוין גוט!

נעמען אַלע ווינטן פּרעפּלען
אין איין קול דעם קעגנשפּרוך:
„ביזט מאָרד־גיריק,
„ווער שלאַקריריק,
„שוואַרצער טייוול,
„בלייב אין פֿלוך!”

שטורעם, אומגעצוימט אין אימפּעט,
קרישלט פֿעלזן אין זיין לויף,
הויבט אויף כוואַליעס אין די קופּטן,
קנוילט מיט וואָלקנס זיי צונויף;

פֿונעם ים־גרונט ביזן הימל
הויבט זיך אויף אַ וואַסער־זייל;
ווי אַ שלאַנג, אַן אויפֿגעשטעלטע,
יאָגט ער זיך אין ווילד געאייל,

שטרויכלונגען צעקוועטשט, צעפּלאַטשיקט
און באַזייטיקט פֿון זיין וועג,
יאָגט מיט האַסט דעם ריז אַנטקעגן,
שווילט און וואַקסט אין זיין געיעג,

ווערט אַ וואַל, אַ וואַסער־מויער
און זיך אויפֿן ריז פּאַרמעסט — —
ריז צעוואַקלט זיך און טרייסלט,
בלייבט דאָך אויף די פּיס שטיין פֿעסט.

זאַסער־וואַנט ווערט איינגעבראָכן
נאָך אַ קורצן, שווערן קאַמף;
פון צעהיצטן ריזן־קערפּער
שטייגט צום הימל אויף אַ דאַמף.

רויִק ענדלעך שוואַרצער שטורעם
קומט צעיאָכמערט אָנגעיאָגט,
דרייט אַרום דעם ריז זיך דריימאָל,
טוט אַ פייער־שפּיי און זאָגט:

„מיין געביטער, ווינטן־קעניג,
„ס'פּאַלט דיר צו די פיס דיין קנעכט;
„בעט דיך: הער אוים זיינע טענות,
„שפּעטער משפּט אים לויט רעכט.

„בין איך חייב, איז אָן רחמים
„מיינע פליגל אונטערהאַק;
„טאָמער אָבער בין איך זכאי,
„זאָל באַפרייען מיך דיין פּסק."

גרויזאַם בליצן ריזנס אויגן
מיט די ציינער קריצט ער, קריצט:
— „רעד! פאַרוואָס האָסטו פאַרשפּעטיקט
„און פונוואַנען קומסטו איצט?"

נעמט זיך איין דער שוואַרצער שטורעם,
ווישט דעם וואָלקן־שוים פון מויל,
בלאָזט בנעימות, קוים באַוועגלעך,
ס'ווערט תחנונימדיק זיין קול:

— „ס'איז זינט יענער צייט אריבער
„יאָרן זעקס שוין מיט אַ שמיץ — —
„קומט צו מיר מיין פריינט ניט־גוטער
„וויינט און חורבנט: העלף מיר, שטיץ!

„כ'האָב — זאָגט ער — אַ יונגע מלכה
„אויף דער עלטער זיך פאַרשאַפט;
„צו די שד'יכעם — קיין דמיון!
„קוקסט זי אָן נאָר — ווערסט פאַרגאַפט.

„לויערט עמיץ אויף מיין מלכה,
„קומט מיט שרעקלעכסטן געווער:
„ל י ב ע. אונזער איינעם, זוייסטו,
„קעמפן קעגן דעם איז שווער.

„קלער איך, טראַכט איך, זוך אַן עצה,
„כ'זע דאָס עסק איז נישט גלאַט —
„ביז איך זאָג זיך: מאַכן פליטה,
„און דאָס — תיכף ומיד!

„טראָג מיך — זאָגט ער — מיט מיין כיתה
„אין דער שאול־תחתיה־העק;
„באַלעבאַטישקייט און סוויטע
„גיך פאַרלאָדן און — אַן עק!

„כ'האָב אַ ברירה? וואָס נישט טוט מען
„פאַר אַ האַרציקן ידיד?
„שפּרייט איך ברייט אויס מיינע פליגל,
„נעם דאָס פּעקל, פלי דערמיט —

„כ'פלי טאָג־אוים טאָג־איין אויף מזרח
„און עס לויפט דערווייל די צייט;
„כ'פרעג מיין פריינט: ווי לאַנג נאָך? זאָגט ער:
„ס'איז צום גינגאָלד בארג נאָך ווייט!

„ביז עס הייסט מיין פריינט מיך שטעלן
„נאָכן פליען יאָרן פיר:
— „אָט דאָ איז מיין נייער אָפּלאַז,
„פאַר דיין טרחה — שקויאַך דיר!

„צו אַ בלאַנקן בארג פון גינגאָלד
„טוט די מחנה זיך אַ לאָז,
„ווער דורך טירן, ווער דורך פענסטער
„קריכט אריין אין פערל־שלאָס.

„איך פאַרקערעווע די זעגלען,
„כ'פלי צוקריק — ווען שוין פאַרביי
כ'בין אַ העלפט פון מיין צוקריקוועגס
„נאָכן פליען יאָרן צוויי,

„הער איך: פון אַ פייף אַ שאַרפן
„דורכגעשניטן ווערט די לופט;
„כ'ווער פאַרציטערט: צי באַדייט עס,
„אַז דער ווינטן־קעניג רופט?!

„יאָ, דאָס איז עס! און איך זאָג זיך:
„ס'וועט שוין זיין צו מיר אַ קלאָג —
„אָט אַ וועג, וואָס צוויי יאָר דויערט,
„מוז איך מאַכן אין איין טאָג.

„און איך בין אהער געקומען — —
„ס׳פאלט דיר צו דיר פּים דיין קנעכט;
„כ׳האָב געענדיקט מיינע טענות —
„הערשער, משפּט נון לויט רעכט!״

אינם חלל קלינגט די שטילקייט,
מערב פלאַמט אין שקיעה־גלי;
ענדלעך טוט דער ריז א הוסטל,
גיט זיך פאַר דער באָרד אַ צי:

— „האָסט געזינדיקט, שוואַרצער שטורעם,
„האָסט דיין הערשער אויפגערעגט:
„ביסט אַריבער דיינע גבולים,
„ביסט אַוועק אומאָנגעפרעגט;

„וואָלסט פאַרדינט א הארבן עונש,
„נאָר איך נעם דאָס אין באַטראַכט,
„וואָס אַ וועג, וואָס דויערט יאָרן,
„אין איין טאָג האָסט דורכגעמאַכט.

„ווּעסטו איצט מיט דעם אַ מענטשל
„דאָרטאַהין גלייך טון אַ פלי
„און ביים בארג פון גינגאָלד ווידער
„זאָלסטו זיין מיר מאָרגן פרי.

„און ווי נאָר ביסט אָנגעקומען,
„איז קיין רגע נישט פאַרליר:
„וואַרף זיך אויף דיין פריינטס געזינדל, —
„טויטן — פאַרן מינדסטן ריר!

„רויבסט ביי זיי אוועק די מלכה,
„מיטן רויב דו פליסט געשווינד
„וואהין דער מענטש באפעלט דיר — —
„הײדא, שווארצער שטורעם־ווינט!”

טוט א מרוק דער שווארצער שטורעם:
ס'איז די שטראף צו־שארף, צו־גרויס!
נאר, פארפאלן, ס'איז באפוילן —
און ער שפרייט די פליגלען אויס,

כאפט דעם מענטשן, פליט אף האסטיק,
לאזט נאך זיך א פייער־פלאם — —
ווינטן, פרייע, זיך צעלויפן,
ריז שפאנט ווייט אוועק אין ים.

קאַפּיטל אַכצן

שוואַרצער שטורעם יאָגט פול אימפּעט
אינם גרענעצלאָזן תהום;
ראַשיד, אויפן שטורעמס רוקן,
מיינט ער שוועבט אַזוי אין טרוים.

פינסטער איז דער טיפער אָפּגרונט,
שוואַרץ און פּוסט איז דער אַרום;
ס׳שניידט אַ שטראַל זיך אויס פון ערגעץ,
ס׳קומט פון־ווו געזשום, געברום.

און דער שטראַל ווערט ברייטער, העלער,
אויך דער ליאַרעם — דייטלעך, קלאָר;
לויכטונג — אָפּשיין איז פון פּערל,
דאָס געזשום איז שדים־כאָר.

ס׳מערן זיך די שטראַלן־בליצן
ביז עס שיילט זיך אויס אַ שלאָס,
וועלכע בלינצלט, ווינקט און פינקלט,
ווי אַ לאַנגער שטערן־שאָס.

רויט צעפלאַמט זיך באַרג פון גינגאָלד,
איבער אים — דאָס שלאָס־געבוי
מיט די שפּיציק־הויכע טורעמס
און די בריקלעך איבער זיי.

ברומען, הייזעריק געכאָרכל
מישט זיך אויס מיט האַרפּן־קלאַנג;
ווילד, צעררייצט געוואָי פון חיות —
מיט אַ קינדעריש געזאַנג.

ראשיד פּילט אַ צוק ביים האַרצן —
זאָל דאָ זיין ס'געזוכטע אָרט?
פול מיט בענקשאַפט איז דער ניגון,
נאָנט און אייגן ליד און וואָרט:

„ווי מיט צוואַנגען
„אונז געפאַנגען
„האַלטן אַלץ נאָך יענע לייט;
„נישט לאַנג וואַרטן —
„און פון האַרטן
„גלות ווערן מיר באַפרייט."

מיטאַמאָל ווערט שטיל־אומהיימלעך,
ס'שטעלט זיך אָפּ דאָס ווילד געברום,
אויך די צאַרטע האַרפּן־קלאַנגען
בלייבן אָפּגעהאַקט און שטום:

ס'הערט זיך בלויז דאָס יאָמער־וואָיען
פון שטורעם אין זיין לויף —
שטורעם טראָגט זיך אָן אָפּהאַלט
גלייך אויף באַרג מיט שלאָס אַרויף.

ווערט אין שלאָס אַ לויף־בהלה,
חברה זעט און וואָס עס גייט;
שדים נעמען האָפּסן, האָצקען,
מאַכן זיך צום אָפּוועַר גרייט;

איבער גאניקלעך און דעכלעך
ווארפט מען איבער לייטער־שטריק,
ס'מלכות גופא מיטן דרייצאק
שטייט מלחמה־גרייט אויף בריק.

— שפיזן־האגל לאזט אין שונא! —
מחנה זיינער ער באפעלט,
און אליין מיט הויפנס פלאמען
וועג פאר שטורעם־ווינט פארשטעלט.

אבער ס'לאזט זיך נישט פארטרייבן
שווארצער שטורעם פון זיין וועג:
שלינגט, פארדייעט שפיזן, פלאמען
און פארדרייפאכט זיין געיעג.

שרייט דאס מלכות: — פייער, פייער! —
הויבט דעם דרייצאק אינדערהויך
און פון אלע פענסטער, דעכער
נעמען זעצן קנוילן רויך.

באלד צעהעלט זיך רויט דער אפגרונט,
שלאס און בארג — איין פייערבראנד;
ס'מלכות אויפן העכסטן טורעם
זיך באווייזט מיט שווערד אין האנט:

— „שדים־פאלק! ברענגט'ס אום די מלכה
„אויב אונז אומקום איז באשערט!" —
און ער מאכט זיך גרייט צום שפרינגען
מיט דער בלאנק־געשטרעקטער שווערד.

אינם ווירבל פון דער שרפה
שטייט שוין ס׳מלכות אויפן דאך;
פלוצלונג טוט זיך ס׳שלאָס א וואקל,
זיך צעשיט מיט דונער־קראַך — —

ס׳שלענגלט, קרייזלט זיך אין חלל
דינער, פערלדיקער שויב,
פינקלט, בלאַנקט אין ווייטער טיפקייט
און פארשלונגען ווערט פון תהום.

— — — — — — — — — — — — —

נאָך א ווייטיקדיקן טרייסל
פונם אומגעריכטן שטויס,
עפנט ראשיד אויף די אויגן,
מאַכט די שטורעם־פענטעם לויז,

שטעלט א טריט אויף שטורעמס רוקן
און ער זעט, ווי — שמאָל און בלאַס —
בּיסלעכווייז, פון ווייטע הויכן,
רוקט זיך אָן א הימל־פאַס.

שוואַרצער שטורעם הויבט זיך העכער;
אונטן קנוילט דער תהום זיך גרוי;
אויבן — ווערט דער חלל ברייטער
רחוותדיקער הימל־בלוי,

און אין בלוי־צעהעלטן הימל
טרילערט דינער האַרפן־קלאַנג
צום באַגלייט פון קינדער־שטימען,
צום באַגלייט פון ליד־געזאַנג:

„אין די צוואנגען
„אונז געפאנגען
„האלטן מער נישט יענע לייט;
„זיג האָט ס׳לעבן
„אונז געגעבן
„און פון קנעכטשאפט אונז באפרייט;
„בונטע קווייטן
„דופט פארשפרייטן
„און דאָס טייכל לוסטיק זשומט;
„קארשן בליען,
„פויגלען פליען,
„ס׳קומט דער פרילינג, פרילינג קומט.“

ראשיד ווערט דערפרישט, דערמונטערט
און ס׳גייט אויף אין אים א פרייד;
זוכט ער, נישטערט מיט די אויגן —
ס׳גליק דארף זיי אָט־דאָ, נישט ווייט — —

ביז ער זעט: אויף שטורעמס רוקן
אסמא ליגט — א טויטער גוף;
ראשיד וויל איר נאָמען רופן —
בלייבט אין האַלז פארשטעקט דער רוף.

בלייך און פיינפול, אסמאס פנים
חותם טראָגט פון שווערן קאמף;
שטארע אויגן, האָר צעפאטלט,
מויל — צונויפגעפרעסט אין קראמף.

הוילע שטיקער לייב פון צווישן
צויטן פון צעפליקטן קלייד
ווייזן בלוטנדיקע ווונדן —
נעגל־ריץ פון יענע לייט.

איבער אסמאן אָנגעבויגן
ראשיד שטייט און קוקט פאָרוווירטס;
עפּעס פּרעפּלען זיינע ליפּן
און מיט האַנט זי קוים באַרירט —

עפנט אסמאַ ברייט די אויגן,
טוט אַ שמייכל, קוקט דערשטוינט,
בין עס פאַלט איר בליק אויף ראשיד
און זי שעפּטשעט: „כ'בין באַלוינט...״ —

טוט אַ מרוק דער שוואַרצער שטורעם,
לאָזט גישט ענדיקן די רייד:
— ווייזט מיר שוין וווּ כ'האָב צו פליען,
וואוהין, אין וועלכער זייט!

ענטפערט אסמאַ, ענטפערט ראשיד,
יעדער מיט אַ שטרעק פון האַנט
ווייזט אים אָן די נייע ריכטונג:
— פלי קיין סאַלעם, מאָרגנלאַנד!

דעכעט אָפּ דער שוואַרצער שטורעם:
—יאָ, דאָס אָרט איז אים באַוווּסט!
און אַ קרעכץ פון רויך און פייער
רייסט אַרויס זיך פון זיין ברוסט.

קאַפּיטל ניינצן

סאַלעם איז פאַרטיפט אין טרויער,
יעדער שלייכט פאַרזאָרגט, פאַרקלערט;
יעדנס הארץ איז פול מיט קומער,
יעדנס קאָפּ געבויגט צו דר׳ערד.

לאַנג שוין הערט זיך נישט אין סאַלעם
קיין געלעכטער, קיין געזאַנג
און אפילו קינדער ווייסן,
אַז ס׳איז שווער דער מלך קראַנק.

זעקס שוין יאָר אים האַלט די שלאַפקייט
צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט,
זעקס יאָר זענען סאַלעמס גאַסן
ווייך מיט בארכאַן אויסגעבעט.

זעקס יאָר פרעגט מען זיך דורך שעפּטשן:
— אונזער מלך היינט וואָס מאַכט?
און עס מוחן זיך דאָקטוירים,
זיצן, קלערן טאָג און נאַכט.

ווי אַזוי די מרה־שחורה
פון זיין גוף מען טרייבט אַרויס,
ווי אַזוי מען היילט דעם מלך
פון זיין שטומער קראַנקייט אויס.

פרוווט מען קרייטעכצער, רפואות,
פרוווט מען סגולות אלערהאנד;
דיבוק־טרייבער און אפשפרעכער
ברענגט מען פונם גאנצן לאנד —

קומט אזעלכער, קוקט א ווײַלע,
זאגט קיין וואָרט נישט, גייט אוועק —
בייסן הויפּלייט זיך די ליפּן,
קריגן אויגן פול מיט שרעק.

וואגט א פרעג־טון ווער העם מלך:
— וואס באשווערט דאָס הארץ דעם האר?
קומט א טיפער זיפץ שטאָטס ענטפער
און א בליק פול אומעט, צער.

ס'זאגט דער מלך נישט, וואס ס'קווּעלט אים,
באטש עס ווייס עס יעדער וויל;
קיינער וואגט דאך נישט צו ברענגען
אכמאס נאָמען פאַרן מויל.

ווייל מען האָפט שוין נישט אפילו
צו געפינען איר געביין;
ס'איז אמאל געווען אן אסמא —
וואס געווען, וועט מער נישט זיין!

שווייגט מען, שווייגט מען און אין שווייגן
זעט מען, ווי דער מלך צאנקט;
ווי זיין גוף, דער אויסגעצערטער,
מער צום לעבן נישט באלאנגט;

ווי זיין אָטעם ווערט אַלץ שוואַכער
און דאָס חיות אים פאַרגייט;
בלויז די אויגן, האַלב פאַרנעפּלט,
קוקן ערגעץ אין דער ווייט.

שטעלן אויך זיך אָפּ די נעגערס
און זיי פּעכערן נישט מער;
איבער זייער בראָנזן פּנים
רינט פאַמעלעך טרער נאָך טרער.

ווייס מען: ס'האָט די שעה געשלאָגן,
ס'שטאַרבט דער מלך סאַגיוו אָפּ —
טראָגט פאַנאַנדער זיך א יאָמער,
רייסט מען זיך די האָר פון קאָפּ:

— אונזער מלך, אונזער פאָטער,
דיינע קינדער נישט פאַרלאָז! —
מתנות קלאָגן אין די גאַסן. —
פּלוצלונג טוט מיט היץ א בלאָז,

ס'טוט א גלי מיט פייער־אָטעם
און — פאַרקלעמט ווערט יעדנס האַרץ:
בלעטער ווערן געל, פאַרוויאַנעט,
גראָזן — אָפּגעסמאַליעט, שוואַרץ;

באַלד א ברוינע וואָלקן־כמאַרע
קומט אָן האַסטיק, אומגעריכט
און פאַרגיסט דעם גאַנצן הימל
און פאַרשטעלט דאָס זונענליכט.

ווי א מאטער קופער־עיגול
הענגט די זון אין הימל־הויך;
כמארע שיט מיט זאמד און שטיינער
און מיט קנוילן שוועבל־רויך.

פלאמען צינדן זיך און לעשן
מיט געקנאלעריי אין רוים;
פייגל, מיט א שרעק־געצוויטשער,
זוכן שוץ פון בוים צו בוים.

ווייסן שוין די טויער-היטערס,
אז דער שווארצער שטורעם גייט
און מיט הייזעריקע קולות
שרייען אויס די אלטע לייט:

— ווער װען ס'לעבן איז נאר ניחא,
זאל אנטרונען ווערן באלד!
טיר און פענסטער פעסט פארקלאפן
און פארשטאפן יעדן שפאלט!

ווערט די שטאט ווי אפגעשטארבן,
אויסגעליידיקט אין איין ווייל;
ערד מיט הימל זיך באהעפטן
דורך א ווירבלדיקן זייל — —

פון צעגליטן זאמד פון מדבר
טראגט אים אן דער שטורעם־ווינט;
ס'פלייצט פארטיליקונג פון חלל,
ס'לעצטע ביסל ליכט פארשווינדט;

און אין אימהדיקער חשכות
רייסט און שניידט און פייפט און ברומט;
אָט — שוין קומט דער שוואַרצער שטורעם!
מיטאַמאָל — און אַלץ פאַרשטומט — — —

עמיץ האָט זיין ווילדן אימפעט
אָפּגעהאַקט אין סאַמע מיט;
איינגעצוימט די שוואַרצע חיה:
שטיין! און ווייטער נישט קיין טריט!

וואַקלט זיך דער שוואַרצער שטורעם:
טון אַזוי, צי טון אַזוי? — —
ס'קלאָגט אַ מחנה פון שאַקאַלן
מיט צעצויגענעם געוואָי.

ענדלעך ווערט אַנטשפּאַנט אין חלל
און דאָס וואָיען ווייט פאַרשווינדט;
פריש און לויטער ווערט דער אוויר
און די פינסטערנישט צערינט;

ס'טייען־אויף פאַרוועלקטע בלעטער,
גראָז ווערט ווידער שטייף און גרין;
פייגל פליען פון די נעסטער,
שפּרינגען פלינק אַהער־אַהין.

ס'באָדט זיך מלך סאַגיוּוס גאָרטן
אין זיין פרילינגדיקער פּראַכט,
יעדער קנאָספּ און בלומען־בעכער
האָט פאַר זון זיך אויפגעמאַכט;

ס'שפּרינגען וועוויערקעס אויף ביימער,
פלאַטערלעך — אין הויכן גראָז;
און פונגווייטנס, צווישן צעדערס,
וויסלט זיך דער פּאַלאַץ־שלאָס — — —

ניין, עס איז נישט מער קיין חלום!
ס'איז די היים דאָ אויף דער וואָר —
ס'האָט זיך גאָרנישט נישט געביטן
פאַר די זעקס נסיון־יאָר:

פּאַלאַץ־בנין, נישט־פאַרענדערט,
שטייט נאָך אויפן זעלבן אָרט
און דער גוטער מלך סאַגיוו
וווינט נאָך אַלץ מסתמא דאָרט;

דאַרף מען גיין דעם טאַטער זאָגן
אין פרימאָרגנדיקער שעה,
אַז מען איז אַהיימגעקומען,
— אָט, מיר זענען ביידע דאָ!—

נעמט אַן אַסמאַ ראַשידס אָרעם
און צום פּאַלאַץ גייען זיי,
שפּאַנען דורך די אויפּנעם־זאַלן
מיט אַ גיכן טריט פאַרביי — — —

קוקן הויפליט נאָך פאַרחידושט:
פרעמדע — און ווי דרייסט דער גאַנג!
קריכן נאָך געוואָר צו ווערן —
יעדן שאָרך און יעדן קלאַנג.

פרוווט אַ וואַכמאַן זיי פאַרהאַלטן
מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד
פּאַלט אַ קורצער ענטפער: „אַסמאַ,"
און זיי גייען אומגעשטערט.

בלויז עס וווּנדערט זיי די שטילקייט,
וועלכע הערשט דאָ איבעראַל;
און וואָס סודלען זיך די הויפלייט,
דאָ, אין מלכּס אַפּרו־זאַל?

ביז זיי בלייבן שטיין פאַרגליווערט
פאַרן מלכּס הימל־בעט:
איז דען דער, וואָס צאַנקט — דער פאָטער?
קומען זיי שוין נישט צו־שפּעט?

פון די הויפלייטס שטומען שאָקלען
לייענען זיי דעם ענטפער: יאָ!
אַז עס גייט דאָ אויס דער מלך
און דאָס איז זיין לעצטע שעה.

אינם מלכּס שטאַרן פּנים
לעבן נאָר די אויגן בלויז;
עפּעס פרעגן זיי און הערן
זוכן, קוקן וועמען אויס —

שטעלט זיך אויפן שוועל פון פענסטער
טרילערדיק אַ נאַכטיגאַל,
וואַרפט אַ פינטל פרייד אין אומעט
און פון האָפענונג אַ שטראַל —

לויכטן אויף דעם מלכס אויגן,
טרעפן זיך מיט אסמאס בליק;
טוט אַ צוק דעם מלכס פּנים
און — דאָס חיות קומט צוריק.

כּוחות שטראָמען אין די גלידער,
מראה קומט אריין אין הויט;
ווי באַרירט מיט כּישוף־שטעקל,
טוט זיך אָפּ דער קאַלטער טויט.

שטוינען אַלע, ווען דער מלך
זעצט זיך אויף אין בעט אליין;
לייב־דאָקטוירים שפּרינגען אונטער,
ווילן אים בייהילפיק זיין — —

שטופּט ער אָפּ זיי מיט אַ שמייכל:
— שוין גענוג, גענוג געקרענקט!
לאָזט־צו נענטער מיינע קינדער,
כ'האָב נאָך זיי זיך רעכט פאַרבענקט.

גייען ביידע צו צום מלך,
וועלכער שטרעקט צו זיי די הענט,
און ער לאָזט זיך פון זיי פירן
אויף זייביידן אָנגעלענט.

באַלד צעגייט זיך ס'גרויסע נייעס,
ס'רעדט די גאַנצע שטאָט דערפון:
פון די בייזע גייסטער אסמאַן
האָט באַפרייט דעם גערטנערס זון;

ווערט פֿאַרשפּרייט דאָס גרויסע נייעס,
בשורה גייט פֿון מויל צו מויל,
אַז גענעזן איז דער מלך,
אַז ס'איז אַלעס גוט און ווויל;

אַז גענעזן איז דער מלך
פֿון זיין לאַנגער, שווערער קרענק
און אין סאַלעם וועט בקרוב
זיך גאָר טון אויף טיש־און־בענק.

קאַפּיטל צוואַנציק און דאָס לעצטע

ס'איז די קרוין־שטאָט מלא־שׂמחה,
יום־טוב איז ביי קליין און גרויס;
ס'טראָגט אַ פרייד זיך איבער גאַסן,
און געזאַנג פון יעדן הויז.

פון די פענסטער, פון די דעכער
זיידנגעוואַנד אין זונליכט גלאַנצט,
פענער פלאַטערן פון טורעמס
מיט גירלאַנדן בונט באַקראַנצט.

לויטער איז די הימל־בלויקייט
און די לופט דורכזיכטיק, קלאָר,
אָנגעזאַפּט מיט פרילינג־ריחות —
כאַלעמס שענסטע צייט פון יאָר.

אין קרישטאָלענע באַסיינען
שלאָגט פאַר יעדן הויז פאָנטאַן;
קינדער פּליעטשקען זיך אין וואַסער,
שפּילן זיך מיט ווייסן שוואַן,

אָדער קוקן, ווי פּאַיאַצן
ווייזן קונצן הויך אויף שטריק;
און אין חלל הילכט אַפּ שניידיק
פון קאַפּעליעס די מוזיק.

טאנצן אלטע, טאנצן יונגע,
טאנצט איעדער ווי ער קען;
אלטווארג שטעלט די פיס געלאסן
און דאס יונגווארג טאנצט מיט ברען.

און מען לאכט מיט פולע העלזער,
ווי מ'האט לאנג שוין נישט געלאכט,
און עס גייט אזוי זינט וואכן,
פונדערפרי ביז אויפדערנאכט.

זארגלאז לעבן ברויזט און שפרודלט,
יום־טוב איז ביי יעדן שטאנד;
עסן, טרינקען — דארף נאר יעדער
אויסצושטרעקן בלויז די האנט.

פון מרחקים האט מען ס'בעסטע
וואכנוויז אהערגעפירט;
לענגאויס גאסן און געמארקן
ציען טישן זיך, סארווירט,

אנגעשטעלטע מיט מעדנים,
אז זיי ברעכן זיך כמעט;
סארא עסנס און געטראנקען —
בלויז פון קוקן ווערט מען זאט!

בלייש דערלאנגט מען גלייך פון שפיז,
ווייז — צוזאמען מיטן קרוג;
און די גרעסטע זולל־סובאס
ווישן וואנסעם: „ס'איז גענוג!"

סאַלעם איז אַ גרויסער גאָרטן,
בוימער ברעכן זיך פון פרוכט;
וואָסער פרי ס'שמעקט אָן ווען,
רייסט ער גלייך פון בוים, פאַרזוכט.

און פאַרנאַכטלעך, ווען מ'איז מידלעך
פון אַ זאַטן טאָג אזא,
ווערן יונגע פאָרלעך געלם
אין אלטאנקעס שטיל־און־שא;

און דאָס אַלטווארג אויף די דעכער
קוקט נאָך לאַנג צום פאַרבן־ים,
וואָס צעגיסט זיך איבער סאַלעם
מיט אַ פיל־קאָלירטן פלאַם.

ס'לויכטן סאַלעמס אַלע טייכן,
ס'לויכטן טאָלן, ס'לויכטן בערג;
אויך דער סאַמעט־בלאַם פון הימל
בליצט, געשטרייפט פון פייערווערק;

ביז עס קומט אַ קילע שפעטקייט,
לעשט די פייערן אַרום — —
קנאַקן בלויז די שייטערהויפנס
דרויסן, איבער סאַלעמס תחום:

דאָרטן, הינטער גאַרטל-מויער,
שטייט אויף יעדן שריט געצעלט;
ס'האָבן זיי נאָך קריק מיט וואָכן
וואַנדער־שבטים אויפגעשטעלט.

שבטים־מחנות הונגעריקע,
פונם הויזגעזינד באַגלייט
זענען דאָ אהערגעקומען
פונדערנאָענט, פונדערווייט,

אָנצופילן הוילע מאַגנס
מיט אומזיסטע שפּייז, געטראַנק
און אין טאָרבעס מיטצונעמען
נאָך פאַר קרובים אַ געשאַנק.

ס'לויכטן אויך די ברייטע פענסטער
פונם מלכס רעזידענץ,
ווו אַ מאָלצייט גייט בסדר
מיט געזאַנג, און שפּיל, און טענץ — — —

דאָרטן, אין געראַומע הייזער,
וווינען יחוסדיקע לייט,
אָנגעקומענע פונווייטן,
ווי דאָס לאַנד איז לאַנג און ברייט;

אָנגעקומענע מיט סוויטעס,
אויסגעפּוצטע מיט פּאַראַד,
צונעם גרויסן יום־טוב, וועלכער
האָט זיינסגלייכן נישט געהאַט:

ס'האַלט זיין צוזאָג מלך סאַגיוו —
דער, וואָס פון ניט־גומנס מאַכט
האָט דערלייזט זיין בת־יחידה
און זי גאַנץ אהיימגעבראַכט,

דער באַקומט דעם מלכּס טאָכטער
פאַר אַ ווייב אַלס זיין באַלוין,
און פאַר יאָרן פּיין און ליידן —
פונם מאָרגנלאַנד די קרוין.

רופן רופערס איבער גאַסן:
— הײַנט! — און עולם ווערט געשפּאַנט:
צוצוזען דאָס גרויסע וווּנדער,
ס'גרעסטע אינם מאָרגנלאַנד.

ציען גילדענע רייטוואָגנס
שעהנווייז שוין, זינט באַגין;
אינעווייניק — גרייזע הערשער
מיט די ווייבער, טעכטער, זין.

ציען קעמלען, העלעפאַנטן
מיט מתּנות פולע פּעק,
ציען צו דעם מלכּס שפּייכלערס
אָן אַ שיעור, אָן אַן עק;

שטייען שפּייכלערס אויפגעפּראַלטע,
ס'שטראָמט אין זיי אריין דער צוג,
שלינגען־איין די קאַראַוואַנען
און פאַרדייען מיטן קוק.

פלוצלונג זיך צעהילכט אין חלל
בשורהדיקער האָרן־שאַל
און דער הימל ווערט צעשניטן
דורך אַ צונטער־רויטן שטראַל.

ס׳גיסט די רויטקייט זיך פאַנאַנדער
און פאַרכאַפּט דאָס הימל־פעלד,
ווו ס׳באַווייזט זיך באַלד אַ שורה
האָרנבלאָזער אויסגעשטעלט.

בלייבט דער עולם אַ פאַרבליפטער,
קוקט צום הימל, זוכט באַשייד;
אויגן גלאָצן, מיילער אָפן,
מיטן בייזן נישט דערקייט — —

הינטער שורה האָרנבלאָזער
טויכט אַרויף אין זונענשיין
אַן אַרקאַדן־גאַנג אין חלל,
אויסגעהאַקט פון גרינעם שטיין.

בלינצלדיקע וואַסער־בייטשן
וועלבן זיך פון זייל צו זייל —
ציטערדיקע רעגנבויגנס —
אין אַ לאַנגער, לאַנגער צייל.

צוויי זשיראַפעס נעבן פאַלמעס,
אין אַ בונטער בלומען־רעם,
ווייזן ביים אַריינגאַנג סאַלעמס
לעבעדיקן קרוין־עמבלעם.

פונם מלך סאַגיווס פאַלאַץ
ביז צום רוימיקן געביי
וואַקסט אַרויס אַ טרעפּ פון זילבער,
פירט־אַרויף צו זיילן־ריי.

קאַרליקלעך מיט גראָבע פּויקן
זאָגן אָן מיט שווערע קלעפּ,
אַז פון פּאַלאַץ נעמט שוין שטייגן
צוג פון חתונה אויף טרעפּ.

אויף די טרעפּן זיך באַווייזן
הויפּלייט, סאָפּנדיק אין גאַנג;
שטעלן אויס זיך ביי די זיילן,
פאָרנט, הינטן — לויטן ראַנג.

ס'קומען סאַלעמס שענסטע קינדער,
גאָלד-געלאָקטע פּאָר נאָך פּאָר;
הונדערט יינגלעך, הונדערט מיידלעך,
הימן זינגענדיק אין כאָר.

פּופּציק סאַלעמס שלאַנקסטע פּאָרלעך,
יונגפרוי נעבן יונגעזעל,
טראָגן צוויי־וויי קרישטאַל־טעלערס
אויף אַ גילדענעם געשטעל.

איידלשטיינער, ווי די קאַרשן,
פון פאַרשידענעם קאָליר,
בליצן פון די טעלער־פּלאַכן,
פינקלען שאַרף ביי יעדן ריר.

חופּה רוקט פאָרויס זיך, כוואַליעט,
שוועבט אין רוים פון זיך אַליין,
אויפגעהאָנגען אויף פיר שטאַנגען
פונעם ריינסטן העלפאַנטביין.

גלעקלעך גלעזערנע מיט טרילער
ציטערן ביי יעדער שטאַנג,
זייער טרילער גיסט צונויף זיך
מיט די קינדערס לויב־געזאַנג.

ראשיד ביי דער זייט פון אסמאַן,
טראָגט אויף זיך דאָס קרוינונגס־קלייד,
און דער מלך, קרוין באַלאָדן,
שפּרייזט מיט חשיבות ביי זיין זייט.

הינטער אים שפּאַנט ראשידס פּאַטער —
ס'איז דעם גערטנער גליק באַשערט —
אויף זיין לענד אַ גאָלדן רידל
באַמבלט נאָך זיך, ווי אַ שווערד.

ווייטער שטייגן מיט אַ פּראַכן
הויפליטס ווייבער אויף די טרעפּ;
יעדע אויף באַלייבטן אָרעם
האַלט פון חופּה־קלייד די שלעפּ.

ווייטער קומען הויף־מאַרשאַלן,
הויף־יועצים און הויף־שלעק;
לייב־דאָקטוירים מיט מכשירים,
בלויז צו קוקן איז אַ שרעק!

ווייטער — עלטסטע לויט די פּאַכן,
וואָס אין מלכס הויף פאַראַן:
עלטסטע שניידערס און פריזירער,
מייסטער פון געבעקס און פּאַן;

עלטסטע שרייבערס, פעדערשניצער,
הוילע יחוס, סאלעמס פני — —
ברייטע ברוסטן, ברייטע גארטלען
פול מיט אויבלען *) אלערליי.

ס'איז דער צוג א לאנגער, לאנגער,
קוים ער רירט זיך, קוים זיך רוקט;
פארן מלך, פארן גערטנער
יעדער איינער נויגט זיך, בוקט.

אויף א פורפורנעם באלעמער
שטייגט דאס יונגע פאר ארויף,
נאך זיי — סאגיוו און דער גערטנער
און די נאנטסטע פונם הויף.

פון זיין גרייזן קאפ, דער מלך
נעמט די שווערע קרוין אראפ,
האלט אין האנט זי מיט א ציטער,
טוט זי אן אויף ראשידס קאפ.

און דער אלטער, גוטער סאגיוו
לייגט אויף אקסל אים זיין האנט,
און ער זאגט אים: — „ביסט פון איצטער
מלך איבער מארגנלאנד!"

„זיי א פאטער צו די פעלקער
„פון דיין גרויסן קעניגרייך;
„הערש מיט יושר און אין פרידן
„ביזן טיפן עלטער גרייך!"

*) אויבלען — מעדאלן (פראווינציאליזם).

— לעבן זאָל דער יונגער מלך! —
רופט דער עולם, יובלט, שרייט;
איבער פֿליינען, איבער טאָלן
שאַלט דער עכאָ מײלן־װײַט.

און דער שענסטער טאָג פֿון פֿרילינג,
נאָך דער לאַנגער טרויער־צײַט,
האָט געשפּרודלט פֿול מיט לעבן
און האָט יעדנס האַרץ דערפֿרייט.

(סוף)